# י"ב פסוקים ומאמרי חז"ל

**משיחת א' דר"ח אייר תשל"ו***

א. מ'האָט שוין גערעדט כמה פעמים, אַז איינע פון די בעסטע עצות אויף צו "מכריע" זיין זיך אַליין, וכל העולם כולו, לכף זכות – איז דורך תינוקות של בית רבן[1], ווי עס שטייט[2] "מפי עוללים ויונקים יסדת עז גו'" (און דורך דעם ווערט) "להשבית אויב ומתנקם", וואָס דאָס איז כולל אַז מ'איז "משבית" דעם "אויב" ווען זיין שנאה איז נאָך "בכח", נאָך איידער ער ווערט עפּעס אַ מציאות וואָס קען שטערן בפּועל.

> דורך תינוקות של בית רבן איז מען "משבית" דעם "אויב" נאָך איידער ער ווערט עפּעס אַ מציאות וואָס קען שטערן בפּועל

די ספּעציעלע שייכות צווישן "להשבית אויב ומתנקם" און "פּי עוללים ויונקים" דוקא:

דער פּסוק איז מדייק דאָ "**להשבית** אויב ומתנקם", וואָס דאָס איז ענלעך צו די צוויי פּירושים אין חז"ל[3] אויף "מזמור שיר ליום **השבת**"[3*] – משבית מזיקין מן העולם, אָדער משביתן שלא יזוקו (ווי עס שטייט[4] אויף לעתיד לבא "לא ירעו ולא ישחיתו"), און ווי דער צמח צדק איז מבאר אין זיינע רשימות (על הפּסוק[5]) אַז דאָס זיינען די צוויי מדריגות פון "אתכפיא" און "אתהפכא", ביז די העכסטע שלימות אין אתהפכא וואָס וועט זיין "ליום שכולו שבת ומנוחה לחיי העולמים"[6].

און דער צמח צדק איז דאָרט מבאר, אַז מעין זה איז אויך פאַראַן בכל שבת ושבת אַז די בחינה פון "שבת" טוט אויף די אתהפכא חשוכא לנהורא. וואָס דערפון איז פאַרשטאַנדיק אַז – על דרך זה איז אויך פאַראַן בכל יום ויום ווען אַ איד פאַרבינדט

---

*) צו באַמערקן:

דער ערשטער טייל פון די שיחה קדושה איז ניט געזאָגט געוואָרן ביי אַ כינוס פון קינדער. דאָך ברענגען מיר דאָ די רייד, אַלס יוצא מן הכלל – וויבאַלד דער המשך פון דער שיחה (די צווייטע זעקס פּסוקים ומאמרי חז"ל) זיינען יע געזאָגט געוואָרן צו קינדער.

כדאי צו באַמערקן, אַז מיט צוויי חדשים שפּעטער, אין פאַרברענגען פון י"ג תמוז, האָט דער רבי ווידער מבאר געווען מיט גרויס אריכות די ספּעציעלע אינהאַלט פון אָט די י"ב פּסוקים ומאמרי חז"ל, און זייער סגולה צו פּועל זיין "להשבית אויב ומתנקם".

זיך מיט תורה ומצוותי', אידישקייט, וואָס דעמאָלט שטייט ער העכער פון וועלט און איז מעין די בחינה פון "שבת", "כל מלאכתך עשוי"[7] (כמבואר בספרי מוסר ובספרי חסידות, ובפרט בספרי קבלה).

און וויבאַלד אַז "הבל תינוקות של בית רבן" איז "הבל שאין בו חטא"[8], איז דאָס נאָך מער אין דער בחינה פון "שבת", און דערפאַר איז דאָס דער "עוז" וואָס טוט אויף דעם ענין פון "**להשבית** אויב ומתנקם".

ב. און דעריבער, כדי אַז דער "להשבית אויב ומתנקם" וואָס פאָדערט זיך איצטער, זאָל זיך אויפטאָן בתכלית השלימות, און שעה אחת קודם כו' – איז די הצעה, אַז מ'זאָל משתף זיין אויך "עוללים ויונקים" אין די "מבצעים", ובמיוחד אין דעם "**מבצע חינוך**".

דאָס הייסט, אַז גלייך ווי זיי קומען לכלל פון האָבן עפּעס וואָס אַ הבנה והשגה אין אַן ענין פון אידישקייט, זאָלן זיי שוין טאָן אין דעם ענין פון חינוך

– על דרך ווי ס'האָט זיך גערעדט וועגן "נרות שבת קודש"[9], אַז גלייך ווי אַ אידיש מיידל פאַרשטייט דעם ענין פון שבת און דעם ענין פון הדלקת נר שבת, איז אַן ענין גדול ביותר אַז זי זאָל באַלד אָנהויבן אָנצינדען נרות שבת קודש ויום טוב, און מאַכן אויף דעם אַ ברכה בשם ומלכות, צוזאַמען מיט נתינת צדקה לפני זה (כמנהג ישראל)[10] –

> אַ קינד גלייכט צו באַווייזן אַז ער האָט אַן ענין מיט וועלכן ער קען מושל ושולט זיין אויף זיינע חברים – דאַרף מען אויסנוצן אָט די טבע אין צד הקדושה

און בשעת מ'וועט זיך אין דעם משתדל זיין – אַפילו מיט אַ השתדלות קלה – וועט מען זיכער מצליח זיין צו מצרף זיין קטנים וקטנות בישראל אין דעם ענין פון מבצע חינוך.

וואָרום, די טבע פון קינדער איז דאָך צו חבר'ן זיך מיט

קינדער פון זיין גיל (אָדער אַביסעלע עלטער אָדער אינגער פאַר אים), און אַ קינד גלייכט אויך צו באַווייזן אַז ער האָט אַן ענין מיט וועלכן ער קען מושל ושולט זיין אויף זיינע חברים – דאַרף מען אויסנוצן אָט די טבע אין צד הקדושה, דורך מסביר זיין די קינדער, אַז בשעת זיי טרעפן זיך מיט אַ חבר (אָדער אַ מיידל מיט אירע אַ חבר׳טע) – צי אין בית ספר, אָדער אין שטוב, אָדער אַפילו אין גאַס – דאַרפן זיי דאָס אויסנוצן אויף משפיע זיין אויף אים אַן ענין פון תורה ומצוות און ענינים פון אידישקייט צו וועלכע ער איז שייך.

אַ קינד דאַרף וויסן, אַז בשעת ער ווייס אַן ענין אין תורה-שבכתב אָדער תורה שבעל-פה וואָס זיינע חברים ווייסן נאָך ניט, דאַרף ער זיי ״מחנך״ זיין אין דעם ענין.

אַ קינד דאַרף וויסן, אַז בשעת ער ווייס אַן ענין אין תורה שבכתב אָדער תורה שבעל־פה וואָס זיינע חברים ווייסן נאָך ניט, דאַרף ער זיי ״מחנך״ זיין אין דעם ענין

און ״קנאת סופרים תרבה חכמה״[11] – וועט אויך דער צווייטער קינד נתעורר ווערן צו פירן זיך אַזוי, צו מסביר זיין, ״מחנך״ זיין און לערנען מיט אַ צווייטן קינד אַן ענין אין תורה וואָס ער האָט זיך דערוואוסט, און זיין חבר ווייס נאָך ניט.

און ווי געזאָגט, דורך אַ השתדלות קלה וועט מען מצליח זיין אין דעם, אַז די קינדער וועלן אין דעם טאָן, מיט גרויס חיות, ווי דער טבע פון אַ קינד, אַז יעדער ענין וואָס ער טוט, ״קאָכט״ ער זיך אין דעם, מיט אַ שטורעם פון ״מדות״, וואָס האָט די מעלה אַז מען טוט אין דעם אָן אַ מדידה והגבלה[11*];

און בשעת מ׳איז מחנך קינדער צו קאָכן זיך אין עניני תורה למעלה ממדידה והגבלה, פועל׳ט עס, אַז ״גם כי יזקין לא יסור ממנה״[11**], אַז אַפילו כשיגדל זאָל ער זיין שייך צו יציאה ממיצרים וגבולים, למעלה ממדידה והגבלה[11***].

ג. חינוך הויבט זיך דאָך אָן מיט – "**חינוך עצמו**".

וואָס דער אמת'ער ענין פון "חינוך" איז – אַ וועג פון לעבן. דאָס הייסט, אַז דער חינוך איז נוגע ניט נאָר צו באַשטימטע שעות אין טאָג, נאָר דאָס איז **בתמידות**. ווי מען זעט בפשטות ביי מחנכים אמיתיים, אַז זיי איז נוגע ניט נאָר אַז דער קינד (תלמיד און תלמידה) זאָל האָבן אַ סאַך ידיעות, און ידיעות כדבעי – נאָר ער איז זיי מחנך אין זייער הנהגה, אַז עס זאָל זיין ניכר באכילתם ושינתם וטיולם, און אין די אַלע ענינים וואָס דער רמב"ם רעכנט אויס אין הלכות דיעות[12] אין וועלכע אַ חכם איז ניכר.

כאָטש דער רמב"ם זאָגט עס בנוגע אַ **חכם** – איז אָבער מיט אַ התבוננות קלה כאַפּט מען זיך, אַז די זעלבע פרטים זיינען נוגע צום חינוך פון אַ בן קטן און אַ בת קטנה, ווי נאָר זיי האָבן עפּעס אַ שייכות צו חינוך באיזה ענין שהוא. וואָרום, ווי געזאָגט, אַן אמת'ער מחנך איז נוגע ווי אַזוי זיין קינד – כולל "לבניך אלו התלמידים (והתלמידות)"[13] – פירן זיך אויף יעדער רגע פון דעם גאַנצן מעת-לעת.

און דאָס גופא הויבט זיך אָן פון תורה – ווייל תורה איז "**חיינו** ואורך ימינו"[14]. תורה איז ניט נאָר אַן ענין פון חכמה און ידיעה, נאָר זי איז אונזער **לעבן**. און דערפאַר, דורך לערנען תורה כדבעי ווירקט דאָס אויפן גאַנצן לעבן (ווי דערמאָנט פריער וואָס דער רמב"ם זאָגט, אַז אַן אמת'ער "חכם" איז ניכר אויך באכילתו ובטיולו כו').

**וויבאַלד אַז תורה איז "חיינו" פון יעדער אידן, איז דעריבער די הצעה, אַז די קינדער זאָלן אויס'חזר'ן בעל-פה פאַרשידענע פסוקים פון תורה שבכתב, מאמרי חז"ל פון תורה שבעל-פה, און אויך ענינים פון פנימיות התורה**

און וויבאַלד אַז תורה איז "חיינו" פון יעדער אידן, אויך פון אַ קטן וקטנה שבבני ובנות ישראל – איז דעריבער די הצעה, אַז

די קינדער זאָלן אויס׳חזר׳ן בעל-פה פאַרשידענע פסוקים פון תורה שבכתב [די וועלכע ס׳איז מותר לאמרם בעל פה], מאמרי חז״ל פון תורה שבעל-פה, און אויך ענינים פון פנימיות התורה,

און פועל׳ן ביי זיי, אַז בכל זמן פנוי ביום זאָל ער דאָס זאָגן בדיבור, אָדער דאָס איבערטראַכטן במחשבתו, און אויך – צו מסביר זיין די פסוקים ומאמרי חז״ל צו זיין חבר (און אַ מיידעלע צו איר חבר׳טע).

די כוונה דערביי איז צו אויסקלייבן ענינים אין תורה וועלכע מ׳קען מסביר זיין יעדן קינד, כדי דאָס זאָל זיי אינגאַנצן דורכנעמען און דערנעמען, אַז אפילו צווישן איין שפיל מיט אַ צווייטן שפיל וועלן זיי דערמאָנען דעם ענין אין תורה

און בשעת די ענינים פון תורה וועלן זיין איינגעקריצט אין זיין זכרון קען מען אויפטאָן ביי די קינדער, אַז ביי זיי זאָל זיין – לפי הציור שלהם – דעם ענין נפלא פון "תורתו אומנתו"[15], אַז "בשבתך בביתך ובלכתך בדרך ובשכבך ובקומך"[16], און אפילו ווען ער שפילט זיך מיט אַ חבר – דערמאָנט ער זיך מיטאַמאָל אַ פסוק פון תורה שבכתב, אַן ענין פון תורה שבעל-פה אָדער אַן ענין פון תניא.

ועל אחת כמה וכמה לויט ווי דער אַלטער רבי איז מבאר אין "לקוטי תורה" אין פרשת קדושים[17], אויפ׳ן פסוק[18] "והדרת פני זקן", אַז בשעת מען געדענקט אַן ענין אין תורה שבעל-פה, איז דאָס ביי אים דאָ בשלימות אין זיין מוח הזכרון, אפילו ווען ער איז זיך עוסק אין אַן אַנדער ענין (און דערפאַר האָבן רבותינו נשיאינו מפליא געווען דעם מאמר "והדרת פני זקן", כמבואר בכמה שיחות[19]).

ד. די כוונה דערביי איז ניט אַז די קינדער זאָלן סתם חזר׳ן **ווערטער** פון תורה (אָן קיין פאַרשטאַנד) – על דרך "איתתא בהדי שותא פלכא"[20] [די רייד פון אַ פרוי בשעת זי פלעכט] – נאָר צו אויסקלייבן ענינים אין תורה שבכתב און תורה שבעל-פה

וועלכע מ׳קען מסביר זיין יעדן קינד, אפילו אַ קטן שבקטנים, כדי דאָס זאָל זיי אינגאַנצן דורכנעמען און דערנעמען, ביז זיי וועלן דערמיט "**לעבן**", אַז אפילו צווישן איין שפּיל מיט אַ צווייטן שפּיל וועלן זיי דערמאָנען דעם ענין אין תורה, און ניט נאָר "חינוך עצמו", נאָר אויך מסביר זיין דעם ענין צו זיין חבר.

נאָך מער: אויך ווען עס רעדט זיך וועגן אַן ענין פון חסידות – פון תניא – קען מען עס געבן צו פאַרשטיין אפילו צו פּיצלעך קינדער בשנים, ביז זיי זאָלן אין דעם האָבן אַ הבנה והשגה, יעדערער לפי ערכו.

**עס שטייט אין זהר, אַז קרוב לביאת המשיח, וועלן אַפילו תינוקות עוסק זיין אין דער חכמה פון פנימיות התורה**

און ווי עס שטייט בפירוש אין זהר[21], אַז קרוב לביאת המשיח, אין סוף פון אלף הששי (אָנהויבנדיק פון "שש מאות שנה"[22]) וועט זיין "נבקעו כל מעיינות תהום רבה וארובות השמים נפתחו", און דעמאָלט וועלן אַפילו די תינוקות אין וועלט ("רביי דעלמא") עוסק זיין אין דער חכמה פון פנימיות התורה[23], און דאָס איז די הכנה צו "מלאה הארץ דעה את ה׳ כמים לים מכסים"[24], וואָס דאָס מיינט אַפילו קטנים, ווי עס שטייט אין ירמי׳[25] "לא ילמדו עוד איש את רעהו גו׳ כי כולם ידעו אותי למקטנם ועד גדולם", אַז אפילו ביי קטנים בשנים וועט זיין "ידעו אותי".

און כאָטש אַפילו דער קינד פאַרשטייט דעם ענין אין זיינע – אַזוי גערופענע – "קינדערשע אותיות", איז אָבער אין דעם באַהאַלטן די פּנימיות ואמיתיות הפירוש, פון די אַלע ששים רבוא פירושים וואָס זיינען דאָ אין יעדן ענין אין תורה (ווי ערקלערט אין כתבי האריז"ל[26]).

און ווי גערעדט כמה פעמים[27], אַז דאָס וואָס מ׳איז מסביר עניני אמונה פאַר אַ תינוק קטן אין זיינע אותיות, מיינט עס ניט

ח"ו אַז מ'זאָגט אים אַן ענין וואָס איז ניט אמת – אויך קינדער דאַרף מען זאָגן אַ הסברה פון "תורת אמת", נאָר מען טוט אָן די הסברה אין אַזעלכע אותיות וואָס ער קען פאַרשטיין, ועל דרך לשון הגמרא[28] "דברה תורה כלשון בני אדם" – איז אין לשון בני אדם גופא, איז דאָ ווי "דברה תורה בלשון קטנים", בשעת מען דאַרף דעם ענין מסביר זיין צו קטנים; אָבער דאָס איז אַ הסברה פון תורת אמת, ובמילא ליגט אין דעם דער פירוש הפנימי, ביז ווי דער ענין איז מוסבר על פי קבלה ועל פי חסידות.

ובפרט לויט'ן מאמר הידוע פון כבוד קדושת מורי וחמי אדמו"ר[29], אַז אַפילו ווען מען לערנט אַן ענין אין תורה וואָס דער נפש למטה פאַרשטייט ניט, איז בשעת ער איז עולה לתורה – אין די שיחה דעמאָלט האָט זיך גערעדט במעלת ענין העלי' לתורה – זיינען אַלע מדריגות שבנשמתו "עולה" למעלה: בחינת "רוח" (שבנשמה) איז עולה אין עולם היצירה וכו', ביז אַז זיין "יחידה" איז עולה אין עולמות האין-סוף – און דאָרטן פאַרשטייען זיי די ענינים וועלכע ער האָט געלערנט כו'.

די "לעצטע ערפינדונגען" פון היינטיקע דאָקטוירים געפינט מען שוין אין תורת ישראל און מנהג ישראל פון גאָר אַמאָל

און עד"ז איז בנוגע צו קטנים וקטנות, אַז כאָטש אַפילו זיי פאַרשטייען נאָך ניט די פנימיות הענין, איז דאָס אָבער פאַראַן ביי זיי, און עס מאַכט אַ רושם בנפשם.

– לאחרונה האָבן שוין אויך חכמי האומות מודה געווען (זיי מאַכן זיך כאילו דאָס איז זייער אַן ערפינדונג) אַז זאַכן וואָס פאַסירן צו אַ קינד גלייך ווי ער ווערט געבאָרן לאָזן איבער אַ רושם און דאָס איז נוגע און ווירקט אַפילו ווען ער ווערט עלטער.

אָט די "לעצטע ערפינדונג" פון היינטיקע דאָקטוירים געפינט מען שוין אין תורת ישראל און מנהג ישראל פון גאָר אַמאָל[30]:

ווי דער מנהג איז[30*], אַז גלייך ווי אַ קינד ווערט געבאָרן קלעפּט מען אָן אַ "שיר המעלות" לעבן דעם קינד; אַזוי אויך איז פאַראַן דער מנהג פון (ווי דער לשון וואָס ווערט געבראַכט אין ספרים[31]) "נשים זקנות בישראל", און אויך פון צעירות בישראל, מדורי דורות – אַז מען פלעגט פאַרוויגען אַ קליין אידיש קינד, גלייך ווי ער ווערט געבאָרן, מיט אַ שיר געגועים, אַז "תורה איז די בעסטע סחורה" – און דער טעם דערפון, ווייל דאָס וואָס מען טוט מיטן קינד גלייך ווי ער ווערט געבאָרן, לאָזט איבער אַ רושם, און איז דעריבער נוגע – "גם כי יזקין"[32] (כאָטש אפילו בשעת מעשה איז ער ניט בגדר צו פאַרשטיין).

דערמיט איז מען מפרש די משנה אין אבות[33] "רבי יהושע בן חנניא אשרי **יולדתו**" – אַז דאָס איז דערפאַר, וואָס גלייך ווי ער איז געבאָרן געוואָרן האָט זיין מוטער אים געפירט אין זיין וויגעלע (עריסתו) צו בתי כנסיות ובתי מדרשות[33*], און דאָס האָט גע'פּועל'ט אַז ער זאָל אויסוואַקסן צו זיין מגדולי התנאים, און דאָס מיינט "אשרי **יולדתו**" – אַז זיין גאַנצע גדלות איז "אויסגעוואַקסן" פון דעם אופן החינוך וואָס ער האָט באַקומען תיכף משנולד, ווען ער איז נאָך געלעגן אין וויגעלע[34].

**זיין גאַנצע גדלות איז "אויסגעוואַקסן" פון דעם אופן החינוך וואָס ער האָט באַקומען תיכף משנולד, ווען ער איז נאָך געלעגן אין וויגעלע**

על אחת כמה וכמה אַז דאָ רעדט זיך וועגן קינדער וועלכע האָבן שוין אַ שייכות צו חינוך און הבנה, איז דאָך זיכער, אַז בשעת מ'איז זיי מסביר אַן ענין אין תניא אין אַזעלכע אותיות וואָס זיי קענען פאַרשטיין, האָט עס אַ ווירקונג אויף זיי, "גם כי יזקין".

ה. דערפאַר איז דער פאָרשלאַג און בקשה, אַז די קינדער זאָלן אויס'חזר'ן אויף אויסענווייניק די פאָלגנדע צוויי פסוקים פון

תורה שבכתב, צוויי מאמרי חז"ל פון תורה שבעל-פה, און אויך צוויי "מאמרים" פון דעם אַלטן רבי'ן, פון ספר התניא – און דערביי מסביר זיין די קינדער זייער אינהאַלט, אין אותיות וועלכע זיי קענען פאַרשטיין, צוזאַמען מיט דעם "בכן" – והם:

**תורה שבכתב**

**א. תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב**[35]

די חז"ל[36] זאָגן כשהתינוק מתחיל לדבר אביו מלמדו תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב, וואָס דערפון איז פאַרשטאַנדיק אַז דאָס איז דער ערשטער פסוק מיט וועלכן עס הויבט זיך אָן דער חינוך פון אַ תינוק.

אויך אַ גאָר קליין קינד דאַרף וויסן אַז די גאַנצע תורה איז אים געגעבן געוואָרן אַלס אַ "מורשה"[37]. און מ'דאַרף אים מסביר זיין דעם **יוקר** פון תורה, אַז אַזוי ווי ער פילט די טייערקייט פון זיינע צאַצקעס (צעצועים), און פון אַנדערע זאַכן צו וועלכע ער האָט גרויס חשק – אַזוי דאַרף ביי אים זיין טייער זיין "מורשה" – גאַנץ תורה.

**מ'דאַרף אים מסביר זיין דעם יוקר פון תורה, אַז אַזוי ווי ער פילט די טייערקייט פון זיינע צאַצקעס, אַזוי דאַרף ביי אים זיין טייער זיין "מורשה" – גאַנץ תורה**

**ב. שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד**[38]

דער פסוק "שמע ישראל" דאַרף מען בלאו הכי איינפירן אַז קינדער, אָנהויבנדיק וואָס פריער מעגלעך, זאָלן עם זאָגן סיי ביום און סיי בלילה[39] – אויב ניט די גאַנצע פרשה פון קריאת שמע, דאַרפן זיי על כל פנים זאָגן דעם פסוק "שמע ישראל".

און מען קען מסביר זיין דעם אינהאַלט פון דעם פסוק – לפי הבנתם ולפי סגנונם – לויט ווי מ'איז דאָס מסביר צו אַ גדול בישראל, אַז דער וואָרט "אחד" איז צונויפגעשטעלט פון דריי אותיות, א'ח'ד' (ווי מבואר אין בית יוסף[40], און בארוכה יותר אין ספרי מוסר וחקירה, חסידות וקבלה[41]): דער ח' איז אַנטקעגן די

ז' רקיעים וארץ, דער ד' – די ד' רוחות העולם, און דער אות אל"ף גייט אויפ'ן אויבערשטן, "אלופו של עולם". און דאָס באַדייט, אַז דער אויבערשטער איז דער בעל-הבית אויף דער גאַנצער וועלט, אויף אַלע ז' רקיעים וארץ און אַלע ד' רוחות העולם.

און נאָך מער: פונקט ווי דער אות "אל"ף" איז דער ערשטער אות און ר"ת פון וואָרט "אחד" – אַזוי אויך ווערן די ז' רקיעים וארץ און ד' רוחות העולם נמשך פון "אלופו של עולם".

דאַרף מען דעם ענין מסביר זיין צו קינדער, וואָס אויך זיי זעען די שמים וארץ און ד' רוחות העולם (לויט זייער פאַרשטאַנד) – אַז זיי זאָלן וויסן דעם ענין פון "ה' אלקינו ה' אחד", אַז דער אויבערשטער פירט אָן מיט אַלץ.

> **יציאת מצרים איז איינער פון די ענינים אין וועלכן מ'דאַרף ספעציעל מחנך זיין קינדער**

און בשעת מ'איז דאָס גוט מסביר צו אַ קינד, אין אותיות און סגנון פון אַ בן קטן אָדער בת קטנה, וועט דאָס ברענגען דעם "בכן" פון "ואהבת את ה' אלקיך"[42], אַז דער קינד וועט באַקומען אַ ליבשאַפט, אַן אהבת השם, אין האַרצן (פונקט ווי עס מאָנט זיך פון גדולים, אַז דורך דער התבוננות אין שמע ישראל גו' דאַרף אַרויסקומען דער "ואהבת את ה' אלקיך").

### תורה שבעל-פה

אין תורה שבעל-פה זיינען פאַראַן כמה ענינים וועלכע מ'קען מסביר זיין צו קינדער – איז דער פאָרשלאַג צו אויס'חזר'ן צוויי מאמרי חז"ל וועלכע זיינען פאַרבונדן מיט ענינא דיומא, און האָבן אַ שייכות מיוחדת אויך מיט קינדער.

ג. **בכל דור ודור חייב אדם לראות את עצמו כאילו הוא יצא ממצרים**[43]

דעם ענין פון יציאת מצרים דאַרף מען **געדענקען שטענדיק**

– "למען תזכור את יום צאתך מארץ מצרים כל ימי חייך"[44], איז זיכער פּאַסיק אויס'חזר'ן דעם מאמר חז"ל וואָס רעדט וועגן יציאת מצרים.

און דערצו איז דאָס פאַרבונדן ספּעציעל מיט קינדער, וואָרום יציאת מצרים איז איינער פון די ענינים אין וועלכן מ'דאַרף ספּעציעל מחנך זיין קינדער. ווי מיר זעען בליל חמשה עשר בניסן צום סדר, אַז "כנגד ארבעה בנים דברה תורה"[45] – מ'דאַרף האָבן אַלע סוגים פון קינדער ביים סדר טיש, סיי דעם בן חכם און סיי די איבעריקע קינדער, און מ'טוט פאַרשידענע זאַכן אויף מעורר זיין די תינוקות צו פרעגן שאלות[46], ווייל עס דאַרף זיין דער "והגדת לבנך"[47] דוקא. און אָט דער "חינוך" פון ליל חמשה עשר בניסן דאַרף דינען ווי אַ הכנה אויף אַ גאַנץ יאָר, צו ממשיך זיין אין דעם חינוך פון אַלע בנים אויף דעם אופן.

**יעדער קינד דאַרף וויסן אַז ער איז "נצר מטעי מעשה ידי להתפאר" – פון דעם אויבערשטן**

דער אינהאַלט פון דעם מאמר, אַז מען דאַרף זיך פאָרשטעלן ווי דער אויבערשטער נעמט **אונז** אַרויס פון מצרים, קען מען אויך גרינג מסביר זיין צו קינדער, וואָרום, ווי מיר זאָגן אין דער הגדה[48]: "**ואילו לא הוציא הקב"ה את אבותינו ממצרים הרי אנו כו' משועבדים היינו**" – קומט אויס, אַז עס איז פונקט ווי דער אויבערשטער האָט אונז אַרויסגענומען פון מצרים.

און דערפון קומט גלייך אַרויס דער "בכן" – דער רגש צו וועלן טאָן אַלץ פאַר דעם וואָס האָט מיט אים געטאָן אַזאַ חסד און אַרויסגענומען פון מצרים!

ד. **כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא שנאמר**[49] **ועמך כולם צדיקים לעולם ירשו ארץ נצר מטעי מעשה ידי להתפאר**[50]

דער אַלטער רבי שרייבט אין סידור[51]: "נוהגין לומר פרקי

אבות פרק אחד בכל שבת שבין פסח לעצרת במנחה, ואומרים לפניו משנת כל ישראל כו' ויש נוהגין כך כל שבתות הקיץ".

קומט אויס, אַז לכל המנהגים לערנט מען פרקי אבות בימי הספירה, און די הקדמה צו פרקי אבות איז דער מאמר: "**כל** ישראל יש להם חלק לעולם הבא כו'" – און די משנה איז מדייק "**כל** ישראל", אויך קינדער.

און אויך דעם מאמר רז"ל קען מען מסביר זיין פאַר יעדן קינד, אַפילו צו זייער קליינע קינדער:

יעדער קינד דאַרף וויסן אַז ער איז "**נצר מטעי מעשה ידי להתפאר**" – פון דעם אויבערשטן. אַפילו אַ קינד פאַרשטייט, אַז ווי גרויס ס'זאָל ניט זיין זיין גשמיות'דיקער פאָטער און זיין גשמיות'דיקע מוטער, איז דאָך "אבינו שבשמים" שלא בערך גרעסער. און ער האָט דעם זכות צו זיין אַ "נצר מטעי מעשה ידי להתפאר" פון דעם אויבערשטן!

**אויב ער וועט זיך אויפפירן ווי ס'דאַרף צו זיין, וועט ער זוכה זיין צו זיצן מיט אַלע גדולים בישראל לעולם הבא**

און מצד דעם האָט ער אַ "חלק לעולם הבא", וואָס עולם הבא איז אַן עולם נצחי, קומט אויס, אַז דורך זיין פאַרבונד מיט'ן אויבערשטן ווערט ער אַ **נצחי!**

– און ווי געזאָגט, דאָס איז אַ הסברה וואָס מ'קען געבן צו פאַרשטיין אַפילו אַ פיצל קינד משהגיע לכלל דעה, ולכלל הבנה והשגה.

און דערפון קומט אַרויס דער "בכן":

בשעת מ'איז מסביר אַ קינד, אַז אויב ער וועט זיך אויפפירן ווי ס'דאַרף צו זיין, וועט ער זוכה זיין צו זיצן מיט אַלע גדולים בישראל לעולם הבא, משא"כ אויב ביי אים וועט עפּעס פעלן אין זיין הנהגה, וועט ער בלייבן זיצן "אַ פאַרשעמטער" צווישן אַנדערע קינדער וואָס האָבן זיך ניט אויפגעפירט ווי ס'דאַרף צו

זיין – און דערצו איז "עולם הבא" ניט אַ צייטווייליקע זאַך, נאָר אַן ענין נצחי –

איז פאַרשטאַנדיק, ווי דאָס וועט מעורר זיין ביים קינד אַ הנהגה טובה, מתוך אהבה ומתוך חשק, סיי בנוגע צו תורה, סיי בנוגע צו מצוות, און ענינים פון אידישקייט בכלל, כולל די מצוה פון "כבד את אביך ואת אמך"[52].

**תניא**

ה. **כי קרוב אליך הדבר מאד בפיך ובלבבך לעשותו**[53]

גלייך אויפ'ן "שער בלאַט" פון תניא שרייבט דער אַלטער רבי (ווי דער רבי האָט מסביר געווען[54] אַז אויך דער "שער בלאַט" איז פון אַלטן רבי'ן), אַז דער ספר התניא איז "מיוסד" אויפ'ן פסוק "כי קרוב אליך הדבר מאד בפיך ובלבבך לעשותו" – "לבאר היטב איך הוא קרוב מאד".

**מען דאַרף מסביר זיין אויך צו אַ פּיצל קינד, אַז כאָטש זיין "האַרץ" ווילט זיך אַן ענין גשמי – דאַרף ער וויסן אַז ס'איז "קרוב אליך הדבר מאד בפיך ובלבבך לעשותו"**

די תורה זאָגט אַז אידישקייט איז נאָענט און גרינג פאַר אַ אידן צו מקיים זיין, און נאָך מער, ס'איז נאָענט צום **האַרצן** ("בלבבך"). און דאָס מיינט בפשטות – פאַר יעדן אידן, בכל מקום ובכל זמן, ווי דער אַלטער רבי זאָגט ווייטער אין תניא אַז ס'איז "קרוב" אויך פאַר אונז צו דינען דעם אויבערשטן "בלבבך", ווייל "התורה היא נצחית"[55].

און דאָס דאַרף מען מסביר זיין אויך צו אַ פּיצל קינד, אַז כאָטש זיין "האַרץ" ווילט זיך אַן ענין גשמי – אים ווילט זיך אַ צאַצקע, אָדער צו גיין שפּילן, אד"ג – דאַרף ער וויסן אַז ס'איז "קרוב אליך הדבר מאד בפיך ובלבבך לעשותו"! אויב נאָר ער וועט זיך אַריינטראַכטן אין דעם יוקר פון ענינים פון אידישקייט און תורה ומצוותי', וועט זיך אים וועלן די ענינים.

ו. **והנה ה' נצב עליו**[56] **ומלא כל הארץ כבודו ומביט עליו ובוחן כליות ולב אם עובדו כראוי**[57]

אין אָנהויב פּרק מ"א זאָגט דער אַלטער רבי, אַז ביי **יעדן אידן** איז "ה' נצב עליו" און איז "בוחן כליות ולב אם עובדו כראוי".

וואָס מיט דעם לשון "ה' נצב עליו" איז דער אַלטער רבי מרמז צו אַן ענין נפלא[58]:

אין מדרש[59] אויפ'ן פּסוק "והנה ה' נצב עליו" איז דאָ אַ פּירוש, אַז דער אויבערשטער איז "געשטאַנען" און זיך געהאַלטן כביכול אויף יעקב, בדוגמא ווי אַ רוכב אויף אַ "מרכבה".

זאָגט דער אַלטער רבי דאָ אַן ענין נפלא, אַז יעדער איד, אין וועלכן מעמד ומצב ער זאָל זיך נאָר געפינען, דאַרף וויסן, אַז **"ה' נצב עליו"** – דאָס וואָס דער אויבערשטער איז "נצב" – איז דאָס "עליו": ער הענגט אָפּ כביכול און איז "נשען" אויף זיין הנהגה, לויט זיינע כליות ולב – "אם עובדו כראוי".

> **יעדער איד, אין וועלכן מעמד ומצב ער זאָל זיך נאָר געפינען, דאַרף וויסן, אַז "ה' נצב עליו"**

נאָך מער: דער וואָרט "נצב" איז מלשון "נצב מלך"[60], דאָס הייסט, אַז דער **"נצב"** פון אויבערשטן – זיין תכלית התקיפות והמלכות – הענגט אָפּ פון דער הנהגה פון יעדן אידן.

און אויך דעם ענין קען מען מסביר זיין – אויב מ'וועט זיך נאָר מתבונן זיין אין דעם – אפילו צו אַ קליין קינד בשנים, לויט זיין פאַרשטאַנד, דורך דוגמאות פון זיינע ענינים החומריים, עכ"פ עניניו הגשמיים.

[און, ווי דערמאָנט פריער, אַז בפּנימיות נפשו פאַרשטייט ער אַלע פּירושים אין דעם ענין, כאָטש אַז ער פאַרשטייט עס בלויז אין זיינע "קינדער'שע אותיות", און ס'איז אָנגעטאָן אין דעם שכל פון נפש הבהמית].

ועל אחת כמה וכמה אַז דער טאַטע און מאַמע פון קינד, וואָס זיי איז דער חינוך פון זייערע קינדער נוגע אין אַן אופן נפשי, וועלן זיכער דערגרונטעווען זיך ווי צו צוברענגען דעם ענין צו זייערע קינדער – טאַקע צו יעדן קינד לפי תכונות נפשו, אָבער ביי יעדערן מיט דער גאַנצער שלימות, לויט'ן מצב פון קינד – אין אַן אופן אַז דאָס וועט האָבן אַ פעולה בהנהגתו היום יומית, בדרכי נועם ומתוך אהבה.

ו. ווי דערמאָנט פריער (סעיף א), אַז בשעת מ'וועט משתף זיין די קינדער אין דעם "מבצע חינוך" – סיי חינוך עצמו און סיי אַז זיי זאָלן מחנך זיין אַ צווייטן – האָט מען די מעלה פון "מפי עוללים ויונקים", וואָס איז "הבל שאין בו חטא", און ווי דער אַלטער רבי איז מסביר אין תניא[64], אַז דאָס איז אַפילו ווען זיי לערנען "מיראת הרצועה" – ס'איז על דרך ווי מען געפינט ביי אַ גדול אַז "כופין אותו עד שיאמר רוצה אני"[61], און ווי דער רמב"ם[62] איז מסביר אַז דאָס איז דערפאַר וואָס מצד זיין פנימיות טוט ער דאָס מיט אַן אמת ובמילא איז תורת אמת מעיד אַז עס הייסט "לרצונכם"[63] – איז על אחת כמה וכמה ביי תינוקות של בית רבן, הבל שאין בו חטא, אַז כאָטש עס הויבט זיך אָן פון "יראת הרצועה"[64], איז אָבער בפנימיות טוט ער דאָס מיט אַן אמת.

על אחת כמה וכמה ביי תינוקות של בית רבן, הבל שאין בו חטא, אַז כאָטש עס הויבט זיך אָן פון "יראת הרצועה", איז אָבער בפנימיות טוט ער דאָס מיט אַן אמת

ואדרבה: בנוגע אַ קטן איז דער דין[65] "אין לו מחשבה" אָבער "יש לו מעשה", דאָס הייסט, אַז די מחשבה וכוונה פון אַ קטן איז ניט תופס מקום אין הלכה, אויך זיין דיבור איז ניט אַלעמאָל תופס מקום, אָבער זיין מעשה הייסט אַ מעשה. קומט אויס, אַז די כוונה פון קטן (זיין יראה אָדער אהבה) איז ניט תופס מקום עפ"י הלכה ובמילא איז דאָס ניט אַזויפיל נוגע – משא"כ די מעשה, וואָס ער לערנט בפועל איז אַ מעשה. –

ובמילא האָט מען דעם "מפי עוללים ויונקים **יסדת עוז**" – זיי שאַפן דעם יסוד פון "אין עוז אלא תורה"[66], ביז צו "עוז" כפשוטו, "ה' עוז לעמו יתן"[67], וכמאמר חז"ל[68] אַז אידן זיינען "עזין שבאומות" – אַז מ'ווערט ניט נתפעל פאַר די "מאה ועשרים ושבע מדינות", און דערפון וואָס "רגשו גוים ולאומים יהגו ריק"[69], און נאָך זייענדיק אין גלות, "מפוזר ומפורד בין העמים", איז מען אַן "עם אחד"[70], וואָס איז אין אַ מצב פון "**ישנו**" – אַ מציאות חזקה, דערפאַר וואָס "דתי המלך – בשר ודם – אינם עושים"[70], בשעת זיי זיינען ניט מתאים צו די דתות פון מלכו של עולם[71], מלך מלכי המלכים הקב"ה בכבודו ובעצמו.

מ'ווערט ניט נתפעל דערפון וואָס "רגשו גוים ולאומים יהגו ריק"

און בשעת יעדער אידיש קינד פועל'ט אויך אויף זיינע עלטערן אַז ביי זיי זאָל זיין דער "לא יכרע ולא ישתחווה"[72] און "לא קם ולא זע ממנו"[73] – ווערט דער "נפל פחד היהודים עליהם"[74] און "שמעו הולך בכל המדינות"[75], ביז, צו "ליהודים היתה אורה ושמחה וששון ויקר"[76], סיי כפשוטו און סיי כפירוש רז"ל[77].

און פון דער גאולה – זייענדיק נאָך אין די לעצטע טעג פון גלות, וואָס "אכתי עבדי דאחשורוש אנן"[78] – איז מען מסמיך גאולה לגאולה[79], צו דער גאולה האמיתית והשלימה, דורך משיח צדקנו,

סיי גאולה ברוחניות – ישראל עושין תשובה[80], און סיי – והוא העיקר – גאולה כפשוטה, די גאולה פון דעם חושך כפול ומכופל פון דעם גלות המר, אַז ס'ווערט דער "ובני ישראל יוצאים ביד רמה"[81] אויף מקבל זיין פני משיח צדקנו, וואָס יבנה מקדש במקומו ויקבץ נדחי ישראל[82], והיתה לה' המלוכה[83], בקרוב ממש.

**משיחות ל״ג בעומר תשל״ו – בשעת דער ״פּאַראַד״**

א. בהמשך צו דעם פאַרשלאַג און בקשה אַז מ׳זאָל אויס׳חזר׳ן ענינים פון תורה[84] – סיי תורה שבכתב און סיי תורה שבעל פה און סיי פּנימיות התורה – אויף אויסענווייניק, כדי אַז מען זאָל קענען זיי חזר׳ן שטענדיק (אַפילו ווען מ׳איז ניט לעבן אַ ספר אויף קענען אַריינקוקן אינעווייניק), וויבאַלד זיי זיינען איינגעקריצט אין זכרון –

איז אַ גלייכע זאַך, אַז אין צוגאָב צו די פּסוקים און מאמרי חז״ל וואָס מ׳האָט פריער פאָרגעשלאָגן אויף אויס׳חזר׳ן אויף אויסענווייניק – זאָל מען צוגעבן נאָך צוויי פּסוקים, נאָך צוויי מאמרי חז״ל, און אויך צוויי מאמרים פון דעם אַלטן רבי׳ן, פון דעם דריי און דרייסיקסטן פּרק פון זיין ספר התניא.

> בשעת אַ קליין אינגעלע אָדער מיידעלע דערזען אַ גרויסע וועלט אַרום זיך, און אין דער וועלט זיינען דאָ זאַכן וואָס זיינען ניט ווי עס באַדאַרף צו זיין, קענען זיי זיך דערשרעקן פון דער וועלט

און די בקשה און פאַרשלאַג איז די פאָלגנדע פּסוקים און מאמרים וואָס האָבן אַ דירעקטע שייכות צו דעם טאָג-טעגלעכן לעבן און אויפפירונג.

ז. **בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ**[85]

דער ערשטער פּסוק אין תורה שבכתב איז – ״בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ״. דער אויבערשטער האָט באַשאַפן די וועלט: די הימלען מיט אַלץ וואָס עס געפינט זיך אויפן הימל, און די ערד מיט אַלץ וואָס געפינט זיך אויף דער ערד[86].

וואָס דאָס האָט אַ דירעקטע שייכות מיטן טאָג-טעגליכן אויפפירונג. וואָרום בשעת אַ קליין אינגעלע אָדער אַ קליין מיידעלע – אָדער אַפילו ערוואַקסענע מענטשן, קענען זיך דערשרעקן אַז מ׳דערזעט אַ גרויסע וועלט אַרום זיך, און אין

דער וועלט זיינען דאָ זאַכן וואָס זיינען ניט ווי עס באַדאַרף צו זיין, ווי דער לשון הגמרא[87] **"עולם שמם"**, ס'איז אַ וויסטע וועלט.

דערמאָנט דער פסוק "בראשית ברא גו'" אַז די וועלט האָט אַ בעל-הבית וואָס האָט איר באַשאַפן, און דאָס איז דער אויבערשטער;

און דער אויבערשטער האָט געגעבן אידן די תורה מיט וועלכע מ'קען **פירן** די וועלט, און מ'קען דורך דערויף אויפטאָן אין "את הארץ" – אין אַלע זאַכן וואָס זיינען דאָ אונטן אויף דער ערד; און אין "את השמים" – פּועל זיין ביי דעם אויבערשטן אין הימל, ער זאָל געבן ברכה און הצלחה.

ח. **ושננתם לבניך ודברת בם בשבתך בביתך ובלכתך בדרך ובשכבך ובקומך**[88]

אין פאָרזעצונג פון פסוק "שמע ישראל" קומט דער פסוק "ושננתם לבניך", וואָס דאָס איז אַן אָנזאָג צו עלטערן, אַז זיי דאַרפן לערנען תורה "לבניך" – סיי מיט זייערע קינדער און סיי "לבניך אלו התלמידים"[89], דאָס הייסט מיט די אַלע מיט וועלכע מ'דאַרף לערנען נאָך אַ זאַך אין תורה.

און דער "ושננתם לבניך", דער לערנען דאַרף זיין אין אַן אופן, אַז דאָס וועט זיין (ווי דער המשך און סיום פון פסוק) "בשבתך בביתך ובלכתך בדרך ובשכבך ובקומך": די תורה וועט איינגעקריצט ווערן אין האַרצן און אין קאָפּ, ובמילא וועט מען דאָס לערנען און חזר'ן אויף אויסענווייניק, סיי ווען מען געפינט זיך "בביתך", סיי "בשכבך ובקומך" – אַז מ'וועט זיך לייגן שלאָפן מיט אַ וואָרט פון תורה, און מען וועט אויפשטיין מיט אַן אָנווייזונג פון תורה.

**די תורה וועט איינגעקריצט ווערן אין האַרצן און אין קאָפּ, ובמילא וועט מען דאָס לערנען און חזר'ן אויף אויסענווייניק, מ'וועט זיך לייגן שלאָפן מיט אַ וואָרט פון תורה, און מען וועט אויפשטיין מיט אַן אָנווייזונג פון תורה**

און בשעת קינדער פאַרלאַנגען ביי די עלטערן מיט האַרציקייט, ווי קינדער זיינען געוואוינט – איז אַ זיכערע זאַך אַז זיי וועלן אויספירן, אַז די עלטערן וועלן זיי אַריינגעבן זומער אין אַזוינע מחנות ("קעמפּס") וואָס דאָרטן וועט זיין אַ תורה רוח, און אַ תורה שטימונג, און אַ אויפפירונג עפ"י תורה. און אויך צו דער שנת הלימודים (צום לערן יאָר), פאַרשרייבן זיי אין אַ בית ספר און אין אַן אָרט וואו מ'לערנט תורה און מצות און אידישקייט.

ט. **יגעתי ולא מצאתי אל תאמין, לא יגעתי ומצאתי אל תאמין, יגעתי ומצאתי תאמין**[90]

אַז ס'וועט קומען צוגיין אַ קינד און וועט זיך באַטראַכטן, אַז ס'איז געווען אַמאָל אין זיין לעבן וואָס ער האָט געטאָן אַ זאַך ניט ווי ס'דאַרף צו זיין – טאָר ער זיך ניט דערשרעקן, און ח"ו אַז דערפאַר זאָל אָפּגעשוואַכט ווערן זיין שטאַרקייט אין טאָן, אין לערנען תורה אין מקיים זיין מצוות.

און אַז ער וועט פרעגן: ס'טייטש, ס'איז דאָך געווען אַמאָל ווען ער איז דורך געפאַלן?!

וועט ער אויס'חזר'ן דעם מארז"ל וואָס די גמרא[90] זאָגט אַז **"לא יגעתי ומצאתי אל תאמין"**: אויב ער האָט ניט געפונען ביי זיך די כוחות (די שטאַרקייט) אויף פירן זיך ווי ס'דאַרף צו זיין, לויט תורה און אידישקייט, איז דאָס אַ זיכערע זאַך אַז ער האָט זיך ניט אָנגעשטריינגט ווי מ'דאַרף זיך אָנשטריינגען, וואָרום (ווי ער איז מסיים אין דעם צווייטן העלפט פון דעם מארז"ל, אַז) **"יגעתי ולא מצאתי אל תאמין"**; **"יגעתי ומצאתי תאמין"** – אויב ער וועט זיך נאָר אָנשטריינגען, איז אַ זיכערע זאַך אַז ער וועט געפינען.

**אויב איינער געפינט ניט ביי זיך די כוחות און שטאַרקייט צו פירן זיך ווי עס דאַרף צו זיין, איז דאָס נאָר דערפאַר ווייל ער האָט זיך ניט אָנגעשטרענגט ווי מען דאַרף**

**י. ואהבת לרעך כמוך[91] – רבי עקיבא אומר זה כלל גדול בתורה[92]**

ווי געזאָגט פריער אַז מ'דאַרף זיך ניט באַגנוגענען מיט זיך אַליין, נאָר מ'דאַרף טאָן די זעלבע זאַך אויך מיט חברים און מיט חבר'טעס, מיט דער סביבה און מיט דעם גאַנצן אַרום – זאָגט מען אַז דאָרטן דאַרף ער אויך טאָן מיט די זעלבע האַרציקייט, און מיט דער זעלבער יגיעה,

ווי רבי עקיבא זאָגט אין אַ צווייטן מארז"ל[92]: **"ואהבת לרעך כמוך זה כלל גדול בתורה"**, אַז ער דאַרף ליב האָבן דעם חבר, אָדער אַ מיידעלע איר חבר'טע, און אַזוי אַלע אַרום זיך, און דאָס דאַרף זיין "כמוך", אַזוי ווי מ'האָט ליב זיך אַליין, און אויף דעם זאָגט רבי עקיבא אַז דאָס איז אַ גרויסער כלל אַן עיקר'דיקער כלל אין תורה (אין לערנונג),

איז דאָך דערפון פאַרשטאַנדיק אַז פונקט ווי ס'דאַרף זיין "יגעתי" בהנוגע צו זיך, אַזוי דאַרף אויך זיין "יגעתי" בהנוגע צו דעם אַרום זיך.

> **אַ קינד דאַרף וויסן, אַז זיין לערנען תורה און מקיים זיין מצוות איז די גרעסטע שליחות וואָס אַ איד קען האָבן**

**יא. וזה כל האדם ותכלית בריאתו ובריאת כל העולמות עליונים ותחתונים להיות לו דירה זו בתחתונים[93]**

אַ קינד דאַרף וויסן אַז זיין לערנען תורה און מקיים זיין מצוות, און באַווירקן די אַלע וואָס זיינען אַרום אים – איז די גרעסטע שליחות וואָס אַ איד קען האָבן.

ווי דער אַלטער רבי שרייבט אין דעם דריי און דרייסיקסטן פרק פון זיין ספר התניא[93] – וואָס דאָס איז אויך כדאי אויס'חזר'ן אויף אויסווייניק – אַז **"תכלית בריאתו"** (של האדם), דער צוועק און דער תכלית וואָס אַ מענטש איז באַשאַפן געוואָרן, און ווי ער זעצט גלייך פאָר **"ותכלית בריאת כל העולמות"**, צוליב דערויף זיינען באַשאַפן געוואָרן אַלע וועלטן, איז –

"**להיות לו דירה זו בתחתונים**", כדי ס׳זאָל זיין השם׳ס דירה בתחתונים דורך אידישקייט, און דורך תורה ומצוות.

דאָס הייסט, אַז די כוונה פון בריאת העולם איז כדי צו מאַכן פון זיך, און פון דער אייגענער הויז און פון דער גאַנצער וועלט – אַן אָרט וואו דער אויבערשטער זאָל זיך דאָרטן געפינען, פונקט ווי איינער געפינט זיך אין זיין אייגענער דירה.

יב. **ישמח ישראל בעושיו**[95]**, פירוש, שכל מי שהוא מזרע ישראל יש לו לשמוח בשמחת ה׳ אשר שש ושמח בדירתו בתחתונים**[96]

אין דעם פרק זאָגט דער אַלטער רבי אַ צווייטן כלל – וואָס איז כדאי אים אויס׳חזר׳ן אויף אויסענווייניק – אַז אָט די שליחות וואָס מ׳האָט, צו מאַכן פאַר׳ן אויבערשטן אַ "דירה בתחתונים", דאַרף מען טאָן **בשמחה**. מען דאַרף עס טאָן ניט ווי אַ זאַך אויף וועלכער ס׳איז דאָ אַן אָנזאָג און מען טוט עס אָן געשמאַק, אָדער מיט אַ קליינעם געשמאַק – נאָר מען דאַרף עס טאָן מיט דער גרעסטער שמחה.

> **אָט די שליחות וואָס מ׳האָט, צו מאַכן פאַר׳ן אויבערשטן אַ "דירה בתחתונים", דאַרף מען טאָן מיט דער גרעסטער שמחה**

אויב זיי וועלן זיך נאָר אַריינטראַכטן אין דעם גופא, אַז דער אויבערשטער אַליין האָט אויסגעקליבן יעדער אידן "מזרע ישראל" אַז ער זאָל מאַכן פון דער וועלט אַ "דירה" פאַר׳ן אויבערשטן – וועט דאָס ביי אים שאַפן אַ **שמחה גדולה**, און ער וועט במילא טאָן די שליחות מיט גרויס שמחה.

נאָך מער – "ישמח ישראל **בעושיו**", דאָס מיינט, דאָס איז ניט **זיינע** אַ שמחה, נאָר מען פרייט זיך מיט דער שמחה פון **אויבערשטן**; אַ איד דאַרף זיך פרייען "**בשמחת ה׳** אשר שש ושמח בדירתו בתחתונים" – דאָס הייסט, מיט דער שמחה וואָס דער אויבערשטער האָט בשעת אידן פירן אויס די שליחות

צו מאַכן פון זיך, פון זייער הויז און פון דער גאַנצער וועלט – אַ דירה פאַר׳ן אויבערשטן (דורך אידישקייט, תורה ומצוות).

און דאָס דאַרף וויסן יעדער תלמיד ותלמידה – סיי אין יאָרן, גאָר קליינע קינדער, אינגעלעך און מיידעלעך, און סיי אין ידיעות.

ווייל ווי דער אַלטער רבי איז מדייק "**כל מי שהוא מזרע ישראל**" – יעדערער וואָס געהערט צום אידישן פאָלק, אָן קיין אונטערשייד ווי זיין צושטאַנד און זיין ערציאונג איז געווען מיט אַ טאָג פריער, אָדער אַפילו אַ מינוט פריער – וויבאַלד ער איז "מזרע ישראל", האָט ער די ספּעציעלע שליחות צו **פרייען זיך** "בעושיו", צו שטייען אין אַ שמחה גדולה, וויסנדיק אַז צוזאַמען מיט זיי – און דער ערשטער – פרייט זיך דער אויבערשטער.

**יעדערער וואָס געהערט צום אידישן פאָלק, וויבאַלד ער איז "מזרע ישראל", האָט ער די ספּעציעלע שליחות צו פרייען זיך, וויסנדיק אַז צוזאַמען מיט זיי פרייט זיך דער אויבערשטער**

ובמילא טוט מען די שליחות פון מאַכן די "דירה בתחתונים" מיט פריילעכקייט, שטאַרקייט און לעבעדיקייט, ובמילא – איז מען נאָך מער מצליח אין דעם.

* * *

און דורך דעם וואָס מ׳וועט איינקריצן אין זכרון די צוויי פסוקים, די צוויי מאמרי חז"ל און די צוויי אָנווייזונגען פון דעם אַלטן רבי׳ן צוזאַמען מיט די זעקס ענינים וואָס מ׳האָט איינגע׳חזר׳ט פריער – וועט דאָס באַלייכטן די וועג, דעם טאָג-טעגלעכן לעבן פון דעם תלמיד ותלמידה, און צוגעבן שמחה און לעבעדיקייט, אויף דורכפירן די שליחות וואָס יעדער אידישער אינגעלע און מיידעלע האָט – צו ליכטיק מאַכן ביי זיך, און

ליכטיק מאַכן אַרום זיך און ליכטיק מאַכן די גאַנצע וועלט, מיט "**נר מצוה ותורה אור**"[97], די ליכט פון תורה און מצות און אידישקייט,

אַז די וועלט זאָל ניט זיין קיין "**עולם שמם**"[87], נאָר אַ וועלט אויף וועלכן דער אויבערשטער וועט זאָגן אַז דאָס איז זיין "דירה", די גאַנצע וועלט ווערט אַ "דירה לו ית' בתחתונים".

1) ראה שבת קיט, ב. 2) תהלים ח, ג. וראה ד"ה וקבל היהודים תרפ"ז (ספר המאמרים תרפ"ז ע' קי ואילך). 3) תורת כהנים בחוקותי כו, ו. *3) תהלים צב, א. 4) ישעי' יא, ט. שם סה, כה. 5) אור התורה (יהל אור) לתהלים (עמוד שכח. עמוד תרל ואילך). 6) משנה סוף תמיד. 7) מכילתא ופרש"י יתרו כ, ט. טור ושולחן ערוך או"ח סימן שו סעיף ח. שולחן ערוך אדמו"ר הזקן שם סעיף כא. 8) שבת שם. 9) ראה שיחת מוצאי שבת קודש בראשית תשל"ה (לקוטי שיחות חלק ט' בתחלתו. לקוטי שיחות חלק יא עמוד 284). וראה לקמן עמוד 314 ואילך. ועוד. 10) קיצור שולחן ערוך סימן עה סעיף ב. כף החיים או"ח סימן רסג סעיף קטן לד בתחילתו. 11) בבא בתרא כא, א. כב, ב. וראה לקמן כרך ו עמוד 21 ואילך. *11) ראה מאמרי אדה"ז תקס"ג ס"ע 3 ואילך. **11) ראה המשך תער"ב חלק א פרק רמ. ***11) משלי כב, ו. ****11) ראה לקו"ת אמור לה, ב-ג. ובכ"מ. 12) ריש פרק ה'. 13) ספרי ופרש"י ואתחנן ו, ז. 14) תפלת ערבית. 15) ראה שבת יא, א. וראה גם לקמן כרך ג' עמוד 181 ואילך. 16) ואתחנן ו, ז. 17) קדושים ל, ד. 18) קדושים יט, לב. 19) ראה שיחת יט כסלו תש"ז (ספר השיחות תש"ז עמוד 92 ואילך). 20) מגילה יד, ב. 21) חלק א קיז, א. וראה בארוכה לקוטי שיחות חלק טו עמוד 42 ואילך. 22) לשון הכתוב – נח ז, יא. 23) זהר שם קיח, א. וראה גם לעיל כרך ב ע' 166 ואילך. 24) ישעי' יא, ט. וראה רמב"ם סוף הלכות מלכים. 25) לא, לג. 26) שער הגלגולים הקדמה יז. 27) ראה גם לקוטי שיחות חלק טו עמוד 79 ואילך. ועוד. 28) ברכות לא, ב. 29) שיחת יט כסלו תרצ"ג סעיף יז (לקוטי דיבורים חלק א כה, ב ואילך). ספר השיחות תש"ב ע' 75. 30) ראה ספר השיחות תשמ"ז חלק א עמוד 146 ואילך. ועוד. *30) ראה בארוכה שיחת י"ט כסלו תשמ"ז. 31) תשובות הרשב"א הובא בשו"ת השיב משה סימן יג. ועוד. 32) משלי כב, ו. 33) פרק ב משנה ט. *33) ירושלמי יבמות פ"א, ה"ו. 34) ראה פירוש רבנו עובדי' מברטנורא לאבות שם. 35) ברכה לג, ד. 36) סוכה מב, א. רמב"ם הלכות תלמוד תורה פרק א הלכה ו. טור ושולחן ערוך יורה דעה סימן רמה סעיף ה. הלכות תלמוד תורה לאדמו"ר הזקן בתחילתן. 37) ראה משנה נדה מג, ב ואילך. 38) ואתחנן ו, ד. 39) ראה רמב"ם הלכות קריאת שמע פרק א הלכה א. 40) או"ח סימן סא (ד"ה כתב סמ"ק). 41) ראה תורה אור וארא נה, ב ואילך. אמרי בינה שער הק"ש פ"ח. ספר המצוות להצמח צדק קכד, א ואילך. ועוד. 42) ואתחנן ו, ה. 43) משנה פסחים קטז, ב. 44) פ' ראה טז, ג. 45) הגדה של פסח פיסקא "ברוך המקום". וראה ירושלמי פסחים פרק י הלכה ד. מכילתא בא יג, יד. 46) ראה שולחן ערוך או"ח סימן תעג סעיף ז. שולחן ערוך אדמו"ר הזקן שם סעיף לח; מ. 47) בא יג, ח. וראה רמב"ם הלכות חמץ ומצה פרק ז הלכה ב. שולחן ערוך אדמו"ר הזקן שם סימן תעב סעיף א. 48) פיסקא "עבדים היינו". 49) ישעי' ס, כא. 50) משנה סנהדרין צ, א. 51) לפני "פרקי אבות". 52) יתרו כ, יב. ואתחנן ה, טז. 53) נצבים ל, יד. 54) ראה לקוטי שיחות חלק יז עמוד 519. 55) ראה תניא פרק יז. פירוש המשניות להרמב"ם סנהדרין הקדמה לפרק חלק – "היסוד התשיעי". 56) לשון הכתוב – ויצא כח, יג. 57) תניא פרק מא (נו, א ואילך). 58) ראה לקוטי שיחות חלק ה עמוד 294 ואילך. 59) בראשית רבה פס"ט, ג. וראה גם אור התורה ויצא חלק ה תתלט, א ואילך. 60) מלכים-א כב, מח. וראה אור התורה שם, ב ואילך. 61) גיטין נ, א. 62) הלכות גירושין סוף פרק ב. 63) ראה ויקרא א, ג. ראש השנה ו, א. 64) ראה תניא קונטרס אחרון קנה, א. 65) ראה חולין יג, א. 66) מדרש תהלים ח, ג. 67) תהלים כט, יא. 68) ביצה כה, ב. 69) תהלים ב, א. 70) אסתר ג, ח. 71) ראה גם מגילת סתרים על הפסוק. לקוטי שיחות חלק א עמוד 156. 72) אסתר ג, ב. 73) שם ה, ט. 74) שם ח, יז. 75) שם ט, ד. 76) שם ח, טז. 77) מגילה טז, ב. ועוד. 78) שם יד, א. 79) ראה מגילה ו, ב. 80) ראה רמב"ם הלכות תשובה פרק ז הלכה ה. 81) כמ"ש ביציאת מצרים – בשלח יד, ח. 82) ראה רמב"ם הלכות מלכים סוף פרק יא. 83) עובדי' א, כא. 84) לעיל עמוד 248 ואילך. 85) בראשית א, א. 86) ראה פרש"י שם, יד. 87) יבמות סב, ב. 88) ואתחנן ו, ז. 89) ספרי ופרש"י על הפסוק. 90) מגילה ו, ב. 91) קדושים יט, יח. 92) תורת כהנים ופרש"י על הפסוק. 93) תניא פרק לג (מב, א). 94) ראה תנחומא נשא טז. תניא פרק לו. 95) תהלים קמט, ב. 96) תניא שם (מב, ב). 97) משלי ו, כג.

# פרטי י"ב הפסוקים ומאמרי חז"ל*

## תורה צוה לנו משה

דערר פסוק "תורה צוה" איז דער גרונד און יסוד אויף וועלכן עס איז געבויט דער לעבן פון יעדער אידן אָנהויבנדיק גלייך פון ווען ער ווערט געבוירן.

דער פסוק זאָגט אַז משה רבינו האָט מקבל געווען די תורה ביים הר סיני און האָט זי איבערגעגעבן[1], די גאַנצע תורה, צו יעדער אידן. ביז אַז די תורה איז אַ ירושה ביי יעדער אידן, אפילו ביי גאָר אַ קליינעם קינד; ווי מען הויבט אָן בפּועל לערנען מיט גאָר אַ קליינעם קינד באַלד ווי נאָר ער הויבט אָן ריידן[2]: "**תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב**"[3]: משה רבינו האָט אונז אָנגעזאָגט די תורה, אין אַן אופן אַז זי איז אַ **ירושה** פאַר דעם גאַנצן אידישן פאָלק.

> אויב נאָר מ'איז אַ בן אָדער בת פון "קהלת יעקב", באַקומט מען גלייך ווי מען ווערט געבוירן די גאַנצע תורה פון דעם אויבערשטן אין אַן אופן פון "מורשה"

דאָס לערנט אונז ווי די גאַנצע תורה באַלאַנגט אפילו צו גאָר אַ קליינעם קינד. פּונקט ווי בנוגע צו אַ ירושה, איז דאָך ניטאָ קיין אונטערשייד ווי גרויס דער קינד איז, און וויפל שכל (אָדער אַנדערע מעלות) ער פאַרמאָגט – אויב נאָר ער איז אַ קינד, אפילו אויב ער איז אָט ערשט געבוירן געוואָרן, ירש'נט ער אַלץ[4], אָט אַזוי ירש'נט יעדער אידיש קינד די גאַנצע תורה.

---

*) אַ חוץ דעם וואָס דער רבי האָט כמעט ביי יעדן כינוס אַריינגעפלאָכטן אין די דברי התעוררות צו די קינדער פון די "י"ב פּסוקים ומאמרי חז"ל" – האָט ער זיך אויך אָפּגעשטעלט אויף מבאר זיין איינעם פון די פּסוקים אָדער מאמרי חז"ל. מיר דרוקן דאָ בלויז די רייד פון רבי'ן צו די קינדער אין וועלכע ער האָט מבאר געווען אַ גאַנצן ענין.

וואָרום אויף יעדער אידן שטייט "בנים אתם לה' אלקיכם"[5], און דעריבער, אויב נאָר מ'איז אַ בן אָדער בת פון "קהלת יעקב", באַקומט מען גלייך ווי מען ווערט געבוירן די גאַנצע תורה (פון "בראשית ברא אלקים"[6] ביז "לעיני כל ישראל"[7]) פון דעם אויבערשטן אין אַן אופן פון "מורשה", כדי ער זאָל נוצן די תורה און לעבן מיט איר זיין גאַנצן לעבן, אַז ס'זאָל זיין אַן אמת'ער ליכטיקער לעבן.

דאָס הייסט, די גאַנצע תורה, מיט אַלע אירע אָנווייזונגען, זיינען **זיינע**; די הוראות פון תורה זיינען שייך צו **אים**, אויך אין זיין **קינדערישן** לעבן.

**די חילוקים צווישן אידן זיינען נאָר אין וואָס פאַר אַ מאָס דאַרף יעדערער "היטן" די ירושה, און פאַרנעמען זיך מיט לערנען תורה**

די חילוקים צווישן אידן זיינען נאָר אין וואָס פאַר אַ מאָס דאַרף יעדערער "היטן" די ירושה, און פאַרנעמען זיך מיט לערנען תורה:

ביי פינף יאָר אַלט הויבט מען אָן לערנען חומש – "בן חמש שנים למקרא"[8], און נאָך פאַר דעם, לערנט אים זיין מוטער און פאָטער, אָדער אַן עלטערער ברודער און שוועסטער, פסוקים פון תורה.

ביז, אַז גלייך ווי אַ קליין קינד "מתחיל לדבר" (הויבט אָן רעדן) לערנט מען מיט אים אותיות פון תורה[2], און נאָך פאַר דעם – גלייך ווי ער ווערט געבוירן – הענגט מען אויף אין זיין חדר פסוקים פון תורה[9], און בשעת מ'דאַרף אים איינשלעפערן, זינגט מען פאַר אים (כמנהג ישראל) אַז "תורה איז די בעסטע סחורה"; זי איז בעסער און טייערער פון אַלץ וואָס דער אויבערשטער האָט באַשאַפן: השמים והארץ וכל צבאיהם.

און פונקט ווי אַ ירושה גייט איבער פון פאָטער צו קינד און אַזוי ווייטער און ווייטער[10], אַזוי ווערט די תורה איבערגעגעבן פון דור צו דור אויף אייביק. און וויבאַלד תורה איז אַן אייביקע

ירושה צו אַ אידן, האָט עס אַ ווירקונג אויף זיין גאַנצן לעבן ("עד כי יזקין"[11]) אַז אַ איד ווערט צוגעבונדן צו אַלע ענינים פון תורה און מצוות אין אַן אייביקן אופן.

און דוקא דורך דעם חינוך צו פירן זיך לויט די אָנווייזונגען פון תורה אין די קינדערישע יאָרן, "חנוך לנער"[11], ווערט גרינגער צו פירן זיך אַזוי שפּעטער במשך דעם גאַנצן לעבן, "גם כי יזקין לא יסור ממנה"[11], אַז זיין אויפפירונג במשך זיין גאַנצן לעבן איז לויט די אָנווייזונגען פון "תורת אמת" און "תורת חיים".

ווּ ווּ ווּ

ווּיבאַלד תורה איז שייך צו יעדער אידישן קינד אין אַן אופן פון ירושה – האָט דאָס אַ ווירקונג אויף זיין גאַנצע הנהגה און עבודת השם במשך דעם גאַנצן טאָג, אַז אַלעס ווערט געטאָן אין אַן אופן פון "**ירושה**", דאָס מיינט, אַז ער איז פאַרבונדן מיט אַלע ענינים פון תורה און מצוות, מיט דער גרעסטער שטאַרקייט.

> **גלייך ווי אַ קליין קינד שטייט אויף פון שלאָף, איז די ערשטע זאַך אויף וואָס ער דערמאָנט זיך, איז – דער אויבערשטער!**

צום ביישפּיל: גלייך ווי אַ קליין קינד שטייט אויף פון שלאָף, איז די **ערשטע** זאַך אויף וואָס ער דערמאָנט זיך, איז – דער אויבערשטער!

און דעריבער זאָגט ער גלייך[12] – "מודה אני לפניך מלך חי וקיים שהחזרת בי נשמתי בחמלה רבה אמונתך".

און דער "מודה אני" ווערט ביי אים איינגעקאַרבט, און מיט דעם "לעבט" ער, במשך דעם גאַנצן טאָג. אַז יעדער זאַך וואָס ער טוט, סיי דאָס איז זייער אַ חשוב'ע רוחניות'דיקע זאַך, אָדער אַ חשוב'ע גשמיות'דיקע זאַך, ביז צו אַ גאָר פּשוט'ע זאַך – איז ביי אים קלאָר אַז דאָס קומט פון דעם אויבערשטן, דער מלך חי וקיים.

ביז, אפילו ווען ער נעמט אַ קליינעם טרונק וואַסער, מאַכט ער אַ ברכה "**שהכל נהי'** בדברו". ער דאַנקט דעם אויבערשטן ניט נאָר פאַר די ביסעלע וואַסער, און ניט נאָר פאַר **זיין אייגענעם** לעבן – ווי דאָס איז ביים זאָגן "מודה אני" וואָס ער דאַנקט דעם אויבערשטן "**שהחזרת בי** נשמתי" – נאָר ער דאַנקט דעם אויבערשטן פאַרן באַשאַף פון דער **גאַנצער בריאה!**

❦ ❦ ❦

**א**ון דאָס איז אויך דער ענטפער צום "יצר", ווען ער קומט טענה'ן אַז דו ביסט דאָך אַ קליין קינד, פאַר בר-מצוה אָדער בת-מצוה, איז וואָס פאַר אַ שייכות האָסט דו מיט תורה? וואָס איז אַזוי וויכטיק אַז דו זאָלסט זיך פירן על פי תורה?

איז אַ אידיש קינד "טרייבט אַרויס" דעם יצר, ווייסנדיק אַז גלייך ווי ער ווערט געבוירן האָט די **גאַנצע** תורה אַ שייכות מיט אים, און אין אַן אופן פון "מורשה קהלת יעקב", ביז אַז זי איז פאַר אים אַ וועג ווייזער אויף זיין גאַנצן לעבן.

**תורה איז די ירושה פון דעם גאַנצן אידישן פאָלק, און דערפאַר האַלטן זיי די תורה טייער ווי מען האַלט טייער אַ זאַך וואָס מען באַקומט בירושה!**

ובמילא לערנט ער תורה מיט דער גרעסטער התמדה און שקידה און מיט חיות און שמחה, און ער ווירקט אַזוי אויך אויף זיינע חברים (און מיידלעך אויף זייערע חבר'טעס) אַז זיי זאָלן לערנען תורת משה.

און בשעת יעדער אידישער קינד וועט איינווירקן אויף זיין גאַנצע משפחה, און אויף די אידישע משפחות וואָס לעבן אַרום אים, וועט ווערן קענטיק אויף אַלע אידן אויף דער וועלט אַז תורה איז "**מורשה קהלת יעקב**", זי איז די ירושה פון דעם גאַנצן אידישן פאָלק, "קהלת יעקב", און דערפאַר האַלטן זיי די תורה טייער ווי מען האַלט טייער אַ זאַך וואָס מען באַקומט בירושה!

און דאָס ווערט די צוגרייטונג צו דער אמת'ער "קהלת יעקב" – די איינזאַמלונג פון גאַנצן אידישן פאָלק, אין דער אמת'ער גאולה, דורך משה רבינו, וואָס **"הוא גואל ראשון הוא גואל אחרון"**[13] (משה איז דער ערשטער אויסלייזער פון אידן און דער לעצטער אויסלייזער פון אידן): פונקט ווי ער האָט אונז אַרויסגענומען פון מצרים, אַזוי וועט ער נעמען איינטייל אין אַרויסנעמען אידן פון גלות צוזאַמען מיט משיח צדקנו,

אַז אַלע אידישע קהלות וואָס געפינען זיך איבער דער גאַנצער וועלט, סיי אין ארץ ישראל און סיי אין די לענדער פון חוץ לארץ, וועלן ווערן פאַראייניגט אין איין גרויסער קהילה, און קומען אַלע אין דעם איין און איינציקן הייליקן לאַנד – ארץ ישראל.

אין דער גאולה האמיתית והשלימה, במהרה בימינו ממש.

(ב' דר"ח טבת תשל"ט; ט"ז מנ"א תשד"מ;
ה' דחג הסוכות תנש"א; ד' דחג הסוכות תשנ"ב)

---

1) אבות ריש פרק א. 2) ראה סוכה מב, א. רמב"ם הלכות תלמוד תורה פרק א הלכה ו. טור ושולחן ערוך יורה דעה סימן רמה סעיף ה. הלכות תלמוד תורה לאדמו"ר הזקן בתחילתן. 3) ברכה לג, ד. 4) ראה משנה נדה מג, ב ואילך. 5) פ' ראה יד, א. 6) בראשית א, א. 7) ברכה לד, יב. 8) אבות פרק ה משנה כב. 9) ראה ספר השיחות תשמ"ז חלק א עמוד 146 ואילך. ועוד. *9) פרש"י בראשית א, יד. 10) ראה בבא בתרא קכט, ב. קלג, א. 11) משלי כב, ו. 12) ראה שולחן ערוך אדמו"ר הזקן או"ח מהדו"ק סימן א סעיף ה. מהדו"ב סימן א סעיף ו. סידור אדמו"ר הזקן קודם "מודה אני". 13) ראה שמות רבה פ"ב, ד. זח"א רנג, א. שער הפסוקים להאריז"ל ויחי מט, י. תורה אור ר"פ משפטים (עה, ב). אור החיים ויחי מט, יא.

# שמע ישראל

אײנער פון די װעגן װי אַזױ אידישע קינדער באַװײזן קלאָר אַז זײ זײנען אידן – איז דורך דעם װאָס זײ זאָגן פון אױסװײניק (זײ דאַרפן ניט זוכן אין ספר) "**שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד**"[1], און זײ זאָגן דאָס מיט אַ לעבעדיקײט, אַזױ אַז מ'זעט אַז זײ לעבן דערמיט.

דער פּסוק דערמאָנט אַ מענטשן שטענדיק אַז דער אױבערשטער איז "אחד" – ער איז דער אײן און אײנציקער קעניג אױף דער גאַנצער װעלט.

און גלײך נאָכן פּסוק "שמע" – קומט (אין חומש) דער פּסוק[2] "**ואהבת את ה' אלקיך בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאדך**", װאָס דער אינהאַלט דערפון איז:

פּונקט װי דער אױבערשטער זאָגט אױף יעדער אידן "אהבתי אתכם"[3], און ספּעציעל אידישע קינדער – "נער ישראל ואוהבהו"[4],

אידן האָבן ליב דעם אױבערשטן, און די ליבשאַפט נעמט אַדורך אַלע אײנצלהײטן פון זײער לעבן

אַזױ אױך האָבן אידן – ובפרט אידישע קינדער – ליב דעם אױבערשטן, און די ליבשאַפט איז "בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאדך", און זי נעמט אַדורך אַלע אײנצלהײטן פון זײער לעבן.

דאָס הײסט, אַז אַלע זײערע מעשים, אַלע דיבורים, און אַלע מחשבות, זײנען בלױז אין אידישע זאַכן, זאַכן פון תורה און מצוות.

ביז, אַז מען גערענקט דעם אױבערשטן אין אַלץ װאָס מען טוט במשך דעם גאַנצן טאָג, אױך װען מען עסט און טרינקט, און אפילו װען מען שלאָפט.

אײדער מען לײגט זיך שלאָפן זאָגט מען "שמע ישראל", װאָס בשעת מען דערמאָנט דעם אױבערשטנ'ס נאָמען גלײך פאַר'ן

שלאָף – איז דער שלאָף אַ "געשמאַקער און געזונטער שלאָף". מען שטייט אויף אינדערפרי געזינטער און שטאַרקער, און מען קען דינען דעם אויבערשטן אויף אַ העכערן און ליכטיקערן אופן ווי דעם פריערדיקן טאָג.

(כ׳ שבט תשמ"א, ז׳ אלול תש"נ)

1) ואתחנן ו, ד. 2) שם, ה. 3) מלאכי א, ב. 4) הושע יא, א. וראה ספר המאמרים תרע"ח קנט ואילך. לקוטי שיחות חלק כא עמוד 20 ואילך.

# בכל דור ודור (א)

**בכל דור ודור חייב אדם לראות את עצמו כאילו הוא יצא ממצרים**[1] – אין יעדן דור, און ווי דער אַלטער רבי איז מוסיף[2] "וכל יום ויום", יעדן טאָג, דאַרף אַ מענטש זיך פאָרשטעלן ווי ער איז אַרויס (היינט) פון מצרים.

אַ איד דאַרף **שטענדיק** געדענקען אַז מיר אידן זיינען געווען אין מצרים, און דער אויבערשטער האָט אונז פון דאָרט אַרויסגענומען.

און די אָפּלערנונג דערפון אין "עבודת השם":

> **אַ איד טאָר ניט זיין קיין קנעכט צו זיין יצר הרע און צו זיינע ניט־געוואונטשענע געפילן, נאָר ער דאַרף זיך פירן ווי אַ "בן חורין" – פריי פון מצרים**

אַ איד דאַרף וויסן אַז ער טאָר ניט זיין קיין קנעכט צו זיין יצר הרע און צו זיינע ניט-געוואונטשענע געפילן, ווי די אויפפירונג פון די מצרים, נאָר ער דאַרף זיך פירן ווי אַ "בן חורין" – פריי פון מצרים.

בשעת דער יצר הרע וויל אים איינריידן אַז ער זאָל זיך אויפפירן ווי אַ מצרי, לויפט ער אַוועק פון "מצרים", און הערט זיך אינגאַנצן ניט צו צו די רייד פון דעם "יצר".

אַ איד ווייס אַז דער אויבערשטער האָט אים אַרויסגענומען פון זיין פאַרשקלאַפט צו מצרים און האָט אים אַוועקגעשטעלט אין אַ צושטאַנד פון חירות (פון מצרים) – דורך מאַכן אידן אַ "**גוי קדוש**"[3], וואָס האָט ניט קיין שייכות צו מצרים!

און דעריבער, כאָטש אַפילו מ'איז נאָך אַלץ אין גלות – טוט אַ איד אין אַלע ענינים פון אידישקייט און רעכנט זיך ניט מיט דעם וואָס ס'איז דאָ דער גלות, וואָרום ער ווייסט אַז ער גייט היינט אַרויס און ווערט באַפרייט פון די אַלע שוועריקייטן

וועלכע זיינען פאַרבונדן מיט דעם איצטיקן גלות, און זיינען פאַרבונדן (אויך) מיטן ערשטן גלות, גלות מצרים.

און דורך דעם וואָס מען געדענקט ווי אַזוי מ'איז אַרויס פון מצרים און מען דערמאָנט עס יעדער טאָג – איז מען זוכה, אַז גאָר אינגיכן זאָל קומען די גאולה האמיתית והשלימה דורך משיח צדקנו,

און – "**כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות**"[4]: דער אַרויסגיין פון דעם איצטערדיקן גלות וועט זיין אויף אַ וואונדערלעכן אופן, נאָך מער וואונדערלעך ווי ס'איז געווען דער אַרויסגיין פון גלות מצרים (ווי עס שטייט אין זהר[5]), און אין אַן אופן פון – משיח "נאַו"!

(כ' שבט תשמ"א; כ"ד אלול תשמ"ה)

---

1) משנה פסחים קטז, ב. 2) תניא פרק מז. 3) יתרו יט, ו. 4) מיכה ז, טו. 5) ראה אור התורה להצמח צדק לנ"ך על הפסוק (ע' תפו-ז), וש"נ.

# בכל דור ודור (ב)

**בכל דור ודור חייב אדם לראות את עצמו כאילו הוא יצא ממצרים**[1] – אין יעדן דור דאַרף אַ איד זיך באַטראַכטן ווי ער אַליין איז אַרויס פון מצרים.

יציאת מצרים איז ניט אַ זאַך וואָס האָט פּאַסירט בלויז צו אונזערע זיידעס און באָבעס מיט צענדליקער דורות צוריק, נאָר מיר אַלע, פאָטער און מוטער, קינדער און אייניקלעך, זיינען געוועזן אין מצרים און מיר זיינען אויסגעלייזט געוואָרן דורך דעם אויבערשטן אַליין.

> יציאת מצרים איז ניט אַ זאַך וואָס האָט פּאַסירט בלויז צו אונזערע זיידעס און באָבעס מיט צענדליקער דורות צוריק, נאָר מיר אַלע זיינען אויסגעלייזט געוואָרן דורך דעם אויבערשטן אַליין

און מיר זאָגן דאָס בפירוש אין דער הגדה[2]:

**"לא את אבותינו בלבד גאל הקדוש ברוך הוא ממצרים אלא אף אותנו גאל עמהם שנאמר ואותנו הוציא משם גו'"**[3] – ניט בלויז אונזערע עלטערן האָט דער אויבערשטער אויסגעלייזט פון מצרים, נאָר אויך אונז האָט ער אויסגעלייזט פון דאָרט.

אַזוי אויך זאָגן מיר אין "עבדים היינו": **"אילו לא הוציא הקדוש ברוך הוא את אבותינו ממצרים הרי אנו ובנינו ובני בנינו משועבדים היינו לפרעה במצרים"** – אויב דער אויבערשטער וואָלט ניט אַרויסגענומען אונזערע עלטערן פון מצרים וואָלטן אויך מיר מיט אונזערע קינדער און קינדס-קינדער געבליבן קנעכט צו פרעה אין מצרים.

און ביי דער ענדע פון דעם סיפור פון יציאת מצרים זאָגן מיר אין דער ברכה: **"אשר גאלנו וגאל את אבותינו"** – דער אויבערשטער האָט אונז אויסגעלייזט און אויסגעלייזט אונזערע עלטערן; און מען זאָגט פריער "גאלנו" און ערשט דערנאָך "וגאל את אבותינו".

און דאָס איז אויך אַן אָנווייזונג פאַר יעדער אידן אין אַלע צייטן.

אַ איד קען דאָך פרעגן: מיט וואָס פאַר אַ כח קען מען איבערקומען דעם גלות און צוגרייטן זיך צו אויפנעמען משיח׳ן, "**נאַו**"?

זאָגט תורה – פונקט ווי דער אויבערשטער אַליין, "מלך מלכי המלכים הקב"ה", האָט זיך פאַרנומען מיט אַרויסנעמען די אידן פון מצרים – איז זיכער, אַז אויך איצט, וועט דער אויבערשטער אַליין, דער "הויפּט-אָנפירער" פון "צבאות השם", אַרויסנעמען יעדערן פון אונז צוזאַמען מיטן גאַנצן אידישן פאָלק פון גלות!

(י׳ סיון תשמ"ב; ח"י ניסן תנש"א)

1) משנה פסחים קטז, ב. 2) פיסקא "בכל דור ודור". 3) ואתחנן ו, כג.

# בכל דור ודור (ג)

**"בכל[1] דור ודור (ובכל יום ויום[2]) חייב אדם לראות את עצמו כאילו הוא יצא (היום[2]) ממצרים"** – יעדן טאָג פון דעם גאַנצן יאָר דאַרף זיך אַ איד באַטראַכטן אַז ער איז ערשט אַרויס פון מצרים.

דערפון איז פאַרשטאַנדיק, אַז מען דאַרף זיך שטענדיק אַריינטראַכטן ווי אַזוי יציאת מצרים איז פאָרגעקומען, וואָס האָבן די אידן דעמאָלט געטאָן אויף צוגרייטן זיך און דערמיט פאַרדינען אַז זיי זאָלן אַרויסגיין פון מצרים.

און דערפון אָפּלערנען ווי אַזוי מיר דאַרפן זיך צוגרייטן און פאַרדינען צו אַרויסגיין פון דעם איצטיקן גלות, און **בקרוב ממש**, דורך משיח צדקנו.

> מען דאַרף זיך שטענדיק אַריינטראַכטן ווי אַזוי מיר דאַרפן זיך צוגרייטן און פאַרדינען צו אַרויסגיין פון דעם איצטיקן גלות בקרוב ממש דורך משיח צדקנו

אין די צוגרייטונגען צו יציאת מצרים האָבן זיך באַטייליקט אַלע אידן. אָבער ספּעציעל זיינען דערצו געווען צוגעגרייט די אידישע קינדער:

אונזערע חכמים זכרונם לברכה דערציילן אונז, אַז ביי קריעת ים סוף איז **"הם הכירוהו תחילה"**[3]: די קינדער וועלכע זיינען געבאָרן געוואָרן אין מצרים האָבן דערקענט דעם אויבערשטן נאָך פריער (און שטאַרקער) ווי עס האָבן אים דערקענט די דערוואַקסענע.

וויבאַלד אַז די קינדער "הכירוהו תחילה" באַ קריעת ים סוף, איז פאַרשטאַנדיק, אַז נאָך זייענדיק אין מצרים איז באַ די קינדער געווען אַ מעלה אין דעם אויפנעמען דעם אויבערשטנ'ס מצוות – די צוגרייטונגען צו יציאת מצרים – לגבי ווי דאָס איז געווען באַ די דערוואַקסענע, און דערפאַר איז דערנאָך באַ קריעת ים סוף, וואָס דאָס איז געווען דעם זיבעטן (דעם לעצטן,

אָפּשלוס) טאָג פון דעם ערשטן חג הפסח[4] – איז דוקא די קינדער "הכירוהו תחילה".

דער "הם הכירוהו תחילה" וואָס איז געווען באַ קריעת ים סוף באַווייזט אַז כאָטש די קינדער זיינען געבאָרן געוואָרן און זיך אויפגעהאָדעוועט אין מצרים – איז דאָס אָבער געווען אין אַזאַ אופן אַז זיי האָבן אויף זיך אָנגענומען צו פירן זיך ווי דער אויבערשטער וויל, דורך מקיים זיין זיינע מצוות און לערנען זיין תורה,

און ספּעציעל דורך מקיים זיין די מצוות וואָס דער אויבערשטער האָט אָנגעזאָגט צו מקיים זיין גלייך – נאָך פאַר דעם אַרויסגיין פון מצרים – די מצוות וואָס זיינען פאַרבונדן מיט פּסח.

און מען געפינט טאַקע באַם קרבן פּסח אַ ספּעציעלן אָנזאָג, אַז עס דאַרף זיין "**שה לבית**"[5]: בשעת[6] דער פאָטער באַשטעלט דעם קרבן פּסח, דאַרף ער אין דעם אַריינרעכענען יעדער פון זיינע קינדער – אויך די גאָר קליינע – סיי די אינגעלעך, און סיי די מיידעלעך.

**בשעת דער פאָטער באַשטעלט דעם קרבן פּסח, דאַרף ער אין דעם אַריינרעכענען יעדער פון זיינע קינדער – אויך די גאָר קליינע – סיי די אינגעלעך, און סיי די מיידעלעך**

און דערנאָך, ווען אַלע בני בית עסן דעם קרבן פּסח, כולל אויך די קינדער – איז מען מקיים די מצוה פון קרבן פּסח ווי עס דאַרף צו זיין.

און דער קרבן פּסח האָט געבראַכט דעם "**ופסחתי**"[7] ("לשון דילוג וקפיצה"[8]) – אַז דער אויבערשטער האָט "אַריבערגעשפּרונגען" אַלע חשבונות[9] וואָס האָבן נאָר געקענט זיין – און געבראַכט גלייך די גאולה.

וויבאַלד אידישע קינדער האָבן גענומען איינטייל אין די צוגרייטונגען צו יציאת מצרים, און אין אַן אופן פון "הם הכירוהו תחילה", איז פאַרשטאַנדיק, אַז אַזוי איז אויך בנוגע די צוגרייטונגען צו דער גאולה פון דעם איצטיקן גלות, אַז אידישע קינדער נעמען אין דעם אַ הויפּט איינטייל.

דורך דעם וואָס מען פירט זיך אויף ווי אידישע קינדער דאַרפן זיך פירן, קען מען דערוואַרטן די גאולה העתידה.

דערביי פאָדערט זיך אַז יעדער אידיש-קינד זאָל זיך אַריינטראַכטן אין די פּרטים וואָס האָבן געבראַכט צו דער גאולה פון מצרים און ווי אַזוי יציאת מצרים איז פאָרגעקומען; וואָס האָבן די אידן דעמאָלט געטאָן אויף זיך צוגרייטן און פאַרדינען אַז זיי זאָלן אַרויסגיין פון מצרים?

און דער אַריינטראַכטן זיך דאַרף זיין מיט אַ ספּעציעלער וואַרעמקייט און מיט אַ ספּעציעלער שטאַרקייט באַ אידישע קינדער, ביז אויך גאָר קליינע קינדער, סיי אינגעלעך, און סיי מיידעלעך.

> פונקט ווי באַ "ימי צאתך מארץ מצרים" איז געווען "הם הכירוהו תחילה", אַזוי וועט אויך זיין אין דער איצטיקער גאולה, אַז "הם הכירוהו תחילה"

וואָרום פונקט ווי באַ **"ימי צאתך מארץ מצרים"**[10] איז געווען "הם הכירוהו תחילה", אַז די אידישע קינדער האָבן דערקענט דעם אויבערשטן און ג-טלעכקייט נאָך איידער זייערע עלטערן האָבן דאָס דערקענט – אַזוי וועט אויך זיין אין דער איצטיקער גאולה, אַז "הם הכירוהו תחילה".

במילא דאַרף מען זיך אַריינטראַכטן און וויסן ווי אַזוי מען דאַרף זיך פירן **"היום"**, איצט. און ווי אַזוי מ'דאַרף זיך צוגרייטן און פאַרדינען צו אַרויסגיין פון דעם איצטיקן גלות דורך משיח צדקנו, און – בקרוב ממש.

פונקט ווי ביי יציאת מצרים איז די הויפּט צוגרייטונג געווען דורך אָננעמען אויף זיך די מצוה פון קרבן פּסח, אַזוי אויך איצט, באַשטייט די צוגרייטונג אין דעם וואָס מען גרייט זיך ברענגען אַ "קרבן" פון די זאַכן וואָס דער אויבערשטער וויל אַז מ'זאָל זיי אָפּגעבן אויף הייליקייט; און דורך דעם האָט מען דערנאָך אויך די "אכילת הקרבן" – די זאַכן וואָס מען דאַרף האָבן אויף צו זיין געזונט.

נאָך עפּעס: וויבאַלד אַז עס דאַרף זיין "**ואהבת לרעך כמוך**"[11] – איז ניט גענוג וואָס אידישע קינדער גרייטן זיך אַליין צו דער גאולה, נאָר זיי דאַרפן אויך ווירקן אויף זייערע חברים (און מיידעלעך אויף זייערע חבר'טעס), אַז אויך זיי זאָלן זיך אין דעם אַריינטראַכטן און אַזוי טאָן.

וואָס דאָס אַלץ וועט ברענגען, און נאָך מער צואיילן, די גאולה שלימה פון דעם איצטיקן גלות דורך משיח צדקנו, וואָס ער וועט אַרויסנעמען יעדער אידן און אַלע אידן פון גלות[12], ווייל קיין איין איינציקער איד וועט ניט בלייבן אין גלות, און ער וועט אונז פירן לארצנו הקדושה, אין אונזער הייליקער לאַנד, במהרה בימינו ממש.

(ר"ח ניסן תש"מ)

---

1) משנה פסחים קטז, ב. 2) הוספת ביאור אדמו"ר הזקן בתניא פרק מז. 3) סוטה יא, ב. שמות רבה פ"א, יב. 4) פרש"י בשלח יד, ה. 5) בא יא, ג. 6) פסחים פח, א. וראה לקוטי שיחות חלק יז עמוד 238. 7) בא שם, יג. 8) פרש"י על הפסוק. 9) ראה שיר השירים רבה פ"ב, ח. 10) מיכה ז, טו. 11) קדושים יט, יח. – מה"י"ב פסוקים ומאמרי חז"ל". ראה לעיל ע' 264. 12) ראה לקוטי שיחות חלק יא עמוד 1 ואילך. וש"נ.

# כי קרוב

דער אַלטער רבי אין דעם "שער בלאַט" פון זיין ספר התניא זאָגט, אַז דער ספר התניא איז באַגרינדעט אויף דעם פסוק[1] **"כי קרוב אליך הדבר מאד בפיך ובלבבך לעשותו"**.

דער ספר התניא לערנט אַ אידן ווי אַזוי צו דינען דעם אויבערשטן "כראוי", און ווי דער אַלטער רבי זאָגט ווייטער אין זיין ספר[2]: **"והנה ה' נצב עליו**[3] **. . ומביט עליו ובוחן כליות ולב אם עובדו כראוי"** – דער אויבערשטער "לאָזט אָפּ" אַלע הימלען און די ערד און שטייט לעבן יעדן אידן, אַנהויבנדיק פון גאָר קליינע קינדער, און קוקט זיך איין צי מען דינט אים **"כראוי"** (ווי עס דאַרף צו זיין).

> דער אויבערשטער "לאָזט אָפּ" אַלע הימלען און שטייט לעבן גאָר קליינע קינדער, און קוקט זיך איין צי מען דינט אים "כראוי"

ווען אַ איד הויבט אָן טראַכטן וועגן "עובדו כראוי" – קען קומען דער יצר הרע אים מבלבל זיין און זאָגן: ווי אַזוי און וואו וועסטו נעמען כח אויף צו דינען דעם אויבערשטן כראוי?

ובפרט ווען עס רעדט זיך וועגן אַ קליין קינד – און דער יצר הרע זאָגט אים, אַז "עובדו כראוי" איז גאָר אַ שווערע זאַך; פריער דאַרפסטו אויסוואַקסן, זייער אַ סך לערנען ביז דו וועסט ווערן אַ גרויסער למדן, און אויך מקיים זיין אַ סך מצוות – און ערשט דערנאָך וועסטו זיך קענען פאַרנעמען מיט "עובדו כראוי"!

ווי אַזוי טאַקע באַקומט מען כוחות אויף מנצח זיין דעם יצר הרע וואָס איז דעם קינד אַזוי מבלבל?

באַוואָרנט גלייך דער אַלטער רבי, אַז זיין ספר איז באַגרינדעט אויפן פסוק **"כי קרוב אליך הדבר מאד"**:

> **דער אויבערשטער זאָגט יעדער אידן אַז "כי קרוב אליך הדבר מאד" – מען דאַרף אויף דעם קיין סך ניט האָרעווען, ווייל צו דערגרייכן און זיין אַן "עובדו כראוי" איז גאָר נאָענט צו דיר**

דער אויבערשטער זאָגט יעדער אידן, דורך זיין תורה, אַז ניט נאָר "יגעת ומצאת"[4] – אויב דו וועסט האָרעווען וועסטו קענען דערגרייכן – נאָר נאָך מער: **"כי קרוב אליך הדבר מאד"** – מען דאַרף אויף דעם קיין סך ניט האָרעווען, ווייל צו דערגרייכן און זיין אַן "עובדו כראוי" איז **גאָר נאָענט** צו דיר.

און ס'איז "קרוב . . מאד **בפיך ובלבבך לעשותו**": ס'איז ניט נאָר נאָענט פאַר דיר צו זיין אַן עובדו כראוי "בפיך ובלבבך", דאָס הייסט, דו זאָלסט טראַכטן און ריידן אַזוי – נאָר ס'איז "קרוב . . **לעשותו**", ס'איז נאָענט דאָס דורכצופירן אין מעשה בפועל.

און דער פסוק איז מדייק "קרוב אליך הדבר **מאד**": דאָס איז ניט סתם, נאָענט – **נאָר גאָר גאָר שטאַרק נאָענט**.

(כ"א אלול תשמ"ג)

---

1) נצבים ל, יד. 2) תניא פרק מא (נו, א ואילך). – מה"י"ב פסוקים ומאמרי חז"ל. 3) לשון הכתוב – ויצא כח, יג. 4) מגילה ו, ב. – מה"י"ב פסוקים ומאמרי חז"ל.

## והנה ה' נצב עליו (א)*

א "סאָלדאַט" צייכנט זיך אויס אין **קבלת עול**[1]. מען דאַרף אָננעמען אויף זיך דעם יאָך פון דינען דעם אויבערשטן, דעם אָנפירער פון דער גאַנצער צבאות השם אַרמיי; און דינען אים "כראוי" ("עובדו כראוי")[2].

עס איז דאָ אַ גרויסער אונטערשייד צווישן דעם אויבערשטנ'ס אַרמיי און אַלע אַנדערע אַרמייען אין דער וועלט.

אין יעדער אַרמיי, געפינען זיך די גענעראַלן און אָנפירער אין איין אָרט, און די סאָלדאַטן אין אַ צווייטן אָרט;

אָבער אין דעם אויבערשטנ'ס אַרמיי, איז – "**ה' נצב עליו כו' ומביט עליו ובוחן כליות ולב אם עובדו כראוי**"[2]: דער אויבערשטער, דער אָנפירער פון דער גאַנצער אַרמיי, געפינט זיך אין דעם זעלבן אָרט וואו עס געפינען זיך אַלע סאָלדאַטן פון "צבאות השם";

> **דער אויבערשטער געפינט זיך אין דעם זעלבן אָרט וואו עס געפינען זיך אַלע סאָלדאַטן פון "צבאות השם"**

ער שטייט לעבן יעדער איינצלנעם סאָלדאַט, און קוקט זיך צו, און טראָגט זיך צו מיט דער פולסטער שימת לב, אויף בוחן זיין אַלע זיינע מחשבות דיבורים און מעשים, צי דינט ער אים ווי עס דאַרף צו זיין, דורך מקיים זיין אַלע באַפעלן וואָס דער אויבערשטער האָט אָנגעזאָגט אין זיין תורה, ביז אַז אַלע זיינע מחשבות דיבורים און מעשים זיינען פּאַסיק פאַר איינעם וואָס שטייט נאָענט לעבן דעם אויבערשטן!

בשעת אַ קינד פון "צבאות השם" דערוויסט זיך וועגן דעם, איז זיכער אַז ער וועט זיך פירן אין טאָג-טעגלעכן לעבן לויט'ן רצון פון דעם אויבערשטן.

און בשעת דער "יצר" טענה'ט מיט אים, וואָס האָסטו מורא צונעמען עפּעס אַ זאַך וואָס געהערט צו דיין חבר – קיינער שטייט דאָך ניט דערביי, ס'איז ניטאָ קיין "פּאָליסמאַן"!

און האָב ניט מורא צו ריידן לשון הרע אויף אַ צווייטן – בשעת דער צווייטער שטייט ניט דערביי און הערט ניט, און זיין פאָטער אָדער ראש ישיבה איז אויך ניטאָ...

אָדער ווען עס קומען צו אים ניט-אידישע קינדער און הויבן אים אָן איינרעדן אַז ער זאָל עסן אַזוינע מאכלים וואָס אַ איד טאָר ניט עסן, אָדער ער זאָל זיך אויפפירן אין דעם שבת'דיקן טאָג אַזוי ווי ער פירט זיך אין אַ וואָכעדיקן טאָג (וואָס אַ איד דאַרף זיך שבת אויפפירן **גאָר אַנדערש** ווי ער פירט זיך אין אַ וואָכעדיקן טאָג), וועט ער גאָר ניט נתפעל ווערן דערפון.

> **אַ "פּאָליסמאַן" איז טאַקע ניטאָ, ס'איז אָבער דאָ דער "עין רואה ואוזן שומעת"!**

עס וועט אים אָנקומען **גאָר לייכט** צו מקיים זיין וואָס דער אויבערשטער וויל, און זיך אויפפירן אַזוי ווי אַ אידיש קינד דאַרף זיך אויפפירן.

– אַ "פּאָליסמאַן" איז טאַקע ניטאָ, ס'איז אָבער דאָ דער "**עין רואה ואוזן שומעת**"[2]! דער אויבערשטער איז "נצב עליו", ער שטייט לעבן אים און זעט ווי אַזוי ער גנב'ט אַ זאַך וואָס געהערט צו אַ צווייטן, אָדער רעדט לשון הרע אויף אַ צווייטן!

* * *

**א**ון וויבאַלד דער אויבערשטער געפינט זיך אַלעמאָל צוזאַמען מיט יעדער אידיש קינד, איז פאַרשטאַנדיק אפילו על פי שכל (און זיכער מצד אמונה פשוטה), אַז ער גיט די נויטיקע כוחות צו זיין "עובדו כראוי", און האַלטן אין איין שטייגן אין תורה און מצוות.

און נאָכמער:

דאָס גיט אויך כח אַז מען זאָל שטייגן אין תורה און מצוות מתוך **שמחה וטוב לבב**:

בשעת ער ווייסט אַז דער אויבערשטער געפינט זיך צוזאַמען מיט אים, ניט קוקנדיק אויף דעם ריחוק הערך צווישן זיי, פאַרשאַפט דאָס אים די גרעסטע שמחה.

און בשעת מ'טוט די עבודה פון שטייגן אין תורה און מצוות מיט שמחה – גיט עס צו נאָכמער הצלחה אין דער עצם עבודה; ווי מיר זען אַז דער אויבערשטער האָט אַריינגעשטעלט אין דער טבע פון אַ מענטשן, אַז אין אַ טאָג פון שמחה טוט ער אַ סך מער און מיט מער הצלחה ווי אין אַן איינפאַכן טאָג. ביז אַז **שמחה פורץ גדר**[3] – שמחה איז מבטל אַלע באַגרענעצונגען, און גיט אַ מעגלעכקייט צו טאָן די עבודה אין אַן אופן פון מוסיף והולך ואור.

(י״ג מנחם אב תשל״ט; ג׳ דחול המועד סוכות תשמ״א;
ב׳ דר״ח אלול תשמ״ג; ט״ז מנחם אב תשד״מ; ל״ג בעומר תשמ״ז)

---

*) ראה גם לעיל ע׳ 49. 1) תניא פרק מא (נו, א ואילך). 2) אבות פרק ב משנה א. 3) ראה ספר המאמרים תרנ״ז ע׳ רכג ואילך. ובכ״מ.

# והנה ה' נצב עליו (ב)

דערפון וואָס "והנה ה' נצב עליו[1] כו'"[2] זעט מען די גרויסע מעלה פון יעדער אידן.

ניט נאָר וואָס יעדער איד איז אַן "עולם מלא"[3], נאָר נאָך מער: דער אויבערשטער וואָס "מלא כל הארץ כבודו"[4], ער פירט אָן מיט דער גאַנצער וועלט – איז "**מניח העליונים ותחתונים**"[5], ער לאָזט אָפּ די אַלע הימלען און די ערד און כביכול אַלע זיינע ענינים, און "**נצב עליו**", ער שטעלט זיך אַוועק אויף דער זייט פון יעדער אידן, "ומביט עליו ובוחן כליות ולב אם עובדו כראוי", ער קוקט זיך צו ווי אַזוי דער קינד אָדער דער דערוואַקסענער איד פירט זיך.

ווייל ביים אויבערשטן איז וויכטיקער כביכול יעדער מעשה, דיבור און אפילו מחשבה פון אַ אידן (וואָרום פאַר דעם אויבערשטן איז דאָך אַלץ אַנטפּלעקט אָן אונטערשייד צי דאָס איז דיבור אָדער מחשבה) – ווי דאָס וואָס עס טוט זיך אין אַלע הימלען מיט אַלץ וואָס געפינט זיך אויף דער ערד. און דעריבער לייגט ער אויף דעם גרויס אַכט און שאַצט אָפּ "**אם עובדו כראוי**", ניט קוקנדיק אויף זיין אויפפירונג מיט אַ רגע פריער.

> **ביים אויבערשטן איז וויכטיקער כביכול יעדער מעשה, דיבור און אפילו מחשבה פון אַ אידן – ווי דאָס וואָס עס טוט זיך אין אַלע הימלען**

און דאָס ווערט געזאָגט אויף יעדער אידן אָן אויסנאַם: וויבאַלד ער שטאַמט פון די אבות וואָס "**הן הן המרכבה**"[6] (ובפרטיות יותר, פון יעקב'ן, באַ וועמען עס שטייט "והנה ה' נצב עליו") – דעריבער איז אויף יעדער אידן, עד סוף כל הדורות, "ה' נצב עליו".

און דערצו:

היות דער אויבערשטער האָט באַשאַפן יעדער אידן, און באַלעבט אים, און "נצב עליו" – גיט ער אים זיכער אַלע נויטיקע **ברכות**.

פון דעם אַלעם איז פאַרשטאַנדיק די אויסערגעוויינלעכע מעלה פון יעדער אידן, וואָס דערפאַר דאַרף מען זיך פירן צו יעדער אידן מיט דעם גרעסטן כבוד.

(כ"א אלול תשמ"ג; ל"ג בעומר תשד"מ; ה' תשרי תשמ"ה)

---

1) לשון הכתוב - ויצא כח, יג.   2) תניא פרק מא (נו, א ואילך).   3) ראה משנה סנהדרין לז, א.   4) ישעי' ו, ג.
5) תניא שם.   6) בראשית רבה פמ"ז, ו. פפ"ב, ו.

# בראשית ברא אלקים (א)

די ערשטע הוראה פון גאַנץ תורה – דער "אָרדער-בוך" (ספר החוקים)* פון יעדער אידן, ובפרט קינדער פון "צבאות השם" – איז:

**"בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ"**[1] – די גאַנצע וועלט איז באַשאַפן געוואָרן דורך דעם אויבערשטן.

דער אויבערשטער איז דער באַשעפער סיי פון "שמים" – די הימלען, אַריינגערעכנט די העכסטע הימלען ("שמי השמים"[*1]); און סיי פון "ארץ" – די ערד, ביז צו דעם ווייטסטן ווינקל פון דעם ערד קוגל; און ניט נאָר די "שמים" און "ארץ" אַליין, נאָר אויך אַלע איינצלהייטן און פרטי פּרטים פון שמים און ארץ, ווי די חז"ל[2] זאָגן אַז "**את** השמים" מיינט די "צבא השמים", און "**את** הארץ" מיינט די "צבא הארץ".

**איידער אַ איד טוט אַזאַ פּשוט'ע זאַך ווי נעמען אַ טרונק וואַסער, מאַכט ער אַ ברכה "שהכל נהי' בדברו" – ער דאַנקט דעם אויבערשטן פאַר דעם באַשאַף פון דער גאַנצער וועלט**

און דאָס איז דער אָנהויב פון גאַנץ תורה, ווייל אָט דער אָנזאָג איז דער "יסוד" פון דעם לעבן פון יעדער אידן און כלל ישראל. בשעת אַ איד ווייסט קלאָר אַז אַלץ איז באַשאַפן געוואָרן פון דעם אויבערשטן, איז יעדער זאַך וואָס ער טוט, וועט זיין לויט דעם רצון פון דעם אויבערשטן, דאָס הייסט לויט די אָנווייזונגען אין דעם אויבערשטנ'ס תורה.

דערפאַר זעען מיר, אַז איידער אַ איד טוט אַזאַ פּשוט'ע זאַך ווי נעמען אַ טרונק וואַסער, מאַכט ער אַ ברכה **"שהכל נהי' בדברו"** – אַז אַלץ איז באַשאַפן געוואָרן מיט די רייד פון דעם אויבערשטן. דער איד דאַנקט דעם אויבערשטן ניט נאָר פאַר דעם טרונק וואַסער, נאָר פאַר דעם באַשאַף פון דער גאַנצער וועלט – **"שהכל נהי' בדברו"**: די גאַנצע וועלט, סיי

שמים און סיי ארץ מיט אַלע זייערע הערשאַפטן, זיינען באַשאַפן געוואָרן מיט די רייד פון דעם אויבערשטן, ווי די חז"ל[3] זאָגן "**בעשרה מאמרות נברא העולם**" (מיט צען "מאמרות" איז די וועלט באַשאַפן געוואָרן).

און ווען אַ אידיש-קינד געדענקט אַז דער אויבערשטער איז דער וואָס האָט באַשאַפן די גאַנצע וועלט און באַנייט זי שטענדיק[3*] – מאַכט דאָס אים גרינגער אויפצופירן זיך ווי עס פאָדערט זיך פון אַ מיטגליד אין "צבאות השם" און דאָס גיט אים כוחות צו בייקומען די שטערונגען פון דעם יצר הרע.

> אויב מען דאַרף שטאַרקן דעם גוף איז דאָך זיכער אַז מען דאַרף שטאַרק מאַכן די נשמה און צוגעבן איר פאַרגעניגן

למשל: בשעת אַ אידיש-קינד זעט אַ געשמאַקע זאַך און דער יצר הרע קומט צו אים און זאָגט: "כאַפּ גלייך די געשמאַקע זאַך און עס אָן אַ ברכה!" – ענטפערט דער קינד פון "צבאות השם": "הער זיך איין! דו ביסט אַ "**זקן וכסיל**"[4] – אַ גרויסער אַלטער נאַר! ווייסטו דען ניט אַז דער אויבערשטער איז דער וואָס האָט באַשאַפן די גאַנצע וועלט, אַריינגערעכנט אויך אָט די געשמאַקע זאַך? דאַרף איך דאָך צום אַלעם ערשטן מאַכן איבער דעם אַ ברכה צו אָפּדאַנקען אים פאַר געבן מיר די געשמאַקע זאַך צו האָבן פון איר פאַרגעניגן".

און נאָך עפּעס: אויב מען דאַרף שטאַרקן דעם גוף און אים פאַרשאַפן פאַרגעניגן איז דאָך זיכער אַז מען דאַרף שטאַרק מאַכן די נשמה און צוגעבן איר פאַרגעניגן – דורך מאַכן אַ ברכה און האָבן פאַרגעניגן אין לערנען תורה און מקיים זיין מצוות!

דאָס זעלבע אין אַלע אַנדערע זאַכן וואָס דער יצר הרע –

אָדער אַ ניט-אידיש קינד – קומט צו אַ אידישן קינד און זאָגט אַז ער זאָל ניט פאָלגן דעם אויבערשטן חס ושלום – האָט אַ אידיש-קינד גלייך דעם ענטפער **"בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ"**: פון אָנהויב'ס אָן, פון דעם ערשטן טאָג און פון דער ערשטער רגע האָט דער אויבערשטער באַשאַפן די אַלע הימלען און די גאַנצע ערד, מיט אַלץ וואָס געפינט זיך אין זיי.

ובמילא, אַלס אַ קינד וואָס איז אַ סאָלדאַט פון "צבאות השם", גייט ער גלייך אַרויס אויף מנצח זיין דעם יצר הרע וואָס וויל באַהאַלטן און פאַרשטעלן אַז מ'זאָל ניט זען און אַנערקענען אַז דער אויבערשטער איז דער איינציקער בעל-הבית פון אַלע הימלען און פון דער גאַנצער ערד און אַלץ וואָס געפינט זיך אין זיי!

נאָך מער:

די שליחות פון אַ אידן איז צו אַנטפּלעקן אין דער גאַנצער וועלט אַז "ברא אלקים" – זי איז באַשאַפן געוואָרן דורך דעם אויבערשטן

די שליחות פון אַ אידן איז צו **אַנטפּלעקן** אין דער גאַנצער וועלט אַז "ברא אלקים" – זי איז באַשאַפן געוואָרן דורך דעם אויבערשטן. דאָס איז אויך איינער פון די טעמים פאַרוואָס דער ערשטער "מאמר" איז **"ויאמר אלקים יהי אור"**[5] – "ג-ט האָט געזאָגט עס זאָל ווערן ליכטיק": ווען עס איז ליכטיק אין אַן אָרט, איז אַלץ וואָס איז דאָ אין דעם אָרט ווערט אַנטפּלעקט, אָפן און קלאָר. דער תכלית איז צו **ליכטיק** מאַכן די וועלט און צו **אַנטפּלעקן** אין גאַנץ וועלט די אַנערקענונג אַז זי איז באַשאַפן געוואָרן דורך דעם אויבערשטן; דעמאָלט פירט זיך די וועלט לויט דעם רצון פון אויבערשטן, ובמילא ווערט עס די אמת'ע ליכטיקע וועלט, סיי בגשמיות און סיי ברוחניות.

(כ' שבט תשמ"א; ה' תשרי תשמ"ה; כ"ד כסלו תשנ"ב)

---

*) ראה לקמן כרך ו' ע' 7. 1) בראשית א, א. *1) נחמי' ט, ו. 2) ראה פרש"י שם, יד. 3) אבות פרק ה משנה א. *3) ראה שער היחוד והאמונה פרק א. וראה לקמן כרך ב' ע' 40 ואילך. 4) קהלת ד, יג וברש"י שם. 5) בראשית א, ג.

# בראשית ברא אלקים (ב)

אויפן פסוק[1] "בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ" זאָגן די חכמים[2] "**בשביל ישראל . . ובשביל התורה**". דאָס מיינט, אַז די גאַנצע וועלט (דער הימל און די ערד, און אַלץ וואָס געפינט זיך אין זיי) איז באַשאַפן געוואָרן כדי אידן זאָלן לערנען תורה, און פאַרבינדן זיך מיט תורה, און פירן זיך על פי התורה.

ווען אַ אידיש-קינד וועט זיך אַריינטראַכטן אין דאָס אויבן-געזאָגטע, וועט אים זיין אַ סך גרינגער צו אויפפירן זיך ווי אַ אידיש-קינד דאַרף זיך אויפפירן:

**ווען דער פרעזידענט פון "די יונייטעד סטייטס" וואָלט אים געבעטן ער זאָל זיך פירן לויט ווי דער פרעזידענט ווייזט אים אָן, ווייס דאָך דער קינד ווי ער וואָלט געטאָן**

דער קינד קען זיך פאָרשטעלן אַז ווען דער פרעזידענט פון "די יונייטעד סטייטס" וואָלט אים גערופן צו זיך, און וואָלט אים געבעטן ער זאָל זיך פירן לויט ווי דער פרעזידענט ווייזט אים אָן,

און דערפאַר וועט אים דער פרעזידענט איינלאַדן אין זיין פּאַלאַץ צו זיינער אַ שמחה, און וועט אים אַוועקזעצן אויבן-אָן, און וועט איינשטעלן און איינאָרדענען דעם גאַנצן פּאַלאַץ וואָס איז אַרום אים לויט ווי עס וועט זיין בעסער געפעלן און אויסנעמען ביים קינד, אַז דער קינד זאָל זיך פילן גוט אויפן בעסטן אופן.

ווייס דאָך דער קינד ווי ער וואָלט געטאָן:

ער וואָלט זיך געהיט צו פירן זיך לויט ווי מ'פאַרלאַנגט פון אים, און ער וואָלט ניט געטאָן קיין שום זאַך אפילו וואָס איז אים אַנגענעם, אָבער עס איז אַנטקעגן דעם ווילן פון דעם פרעזידענט וואָס האָט אים איינגעלאַדן אין פּאַלאַץ וכו', און עס וואָלט אים גאָר ניט געווען שווער צו איינהאַלטן זיך און פירן זיך לויט ווי דער פרעזידענט האָט אים געבעטן.

איז דאָך כל שכן ווען עס רעדט זיך להבדיל וועגן דעם אויבערשטן.

און אַוודאי ווען תורה דערציילט אונז אַז דאָס וואָס דער אויבערשטער האָט באַשאַפן "את השמים ואת הארץ", איז עס "בשביל ישראל . . ובשביל התורה", איז אַ זיכערע זאַך אַז אויב אַ אידיש-קינד ווערט זיך אין דערויף אַריינטראַכטן, ווערט אים זיין **לייכט** צו מקיים זיין דעם אויבערשטנ'ס בקשה – אַז ער זאָל זיך פירן ווי אַ אידישער קינד דאַרף זיך אויפפירן.

ובפרט ווען ער באַטראַכט זיך אַז זיין אויפפירונג איז אַן ענין וואָס איז פאַרבונדן ניט נאָר מיט אים אַליין, מיט זיינע עלטערן, און מיט זיינע מדריכים, נאָר דאָס איז פאַרבונדן און איז נוגע צו דער גאַנצער וועלט, און דער עיקר: דער **אויבערשטער** האָט אים **געבעטן** ער זאָל זיך אַזוי אויפפירן.

(י"ג מנחם־אב תשל"ט)

1) בראשית א, א. 2) הובא בפרש"י ורמב"ן על הפסוק.

# בראשית ברא אלקים (ג)

דער אויבערשטער איז דער באַשעפער פון "שמים" און "ארץ"[1], מיט אַלעס וואָס זיי אַנטהאַלטן אין זיך (ווי די חז"ל[2] טייטשן: **"את השמים לרבות תולדותיהם ואת הארץ לרבות תולדותי'"**).

אַ טיפערער ענין אין דעם:

אין דעם לעבן פון אַ מענטשן איז פאַראַן זיין "שמים" און זיין "ארץ".

"שמים" מיינט די הימל'שע זאַכן אין זיין לעבן[3], דאָס הייסט ווען ער לערנט תורה און איז מקיים מצוות, אַריינגערעכנט אַלע ענינים פון אידישקייט;

און "ארץ" מיינט – זיין גשמיות'דיקער לעבן[3], דער טאָג-טעגלעכער לעבן פון עסן, טרינקען און שלאָפן.

ווען אַ איד לערנט תורה און איז מקיים מצוות אויף דער וועלט, ברענגט ער אַראָפּ "עניני שמים" (הימלישע זאַכן) אין "ארץ".

אָבער אַ איד דאַרף "באַלייכטן" זיינע גשמיות'דיקע ענינים אויך מיט אַ הימל'שע ליכטיקייט, אַז ער זאָל האָבן אַ "ליכטיקן" עסן טרינקען און שלאָפן.

> **אַ איד דאַרף "באַלייכטן" זיינע גשמיות'דיקע ענינים מיט אַ הימל'שע ליכטיקייט, אַז ער זאָל האָבן אַ "ליכטיקן" עסן טרינקען און שלאָפן**

און דאָס – דורך דעם וואָס ער מאַכט אַ ברכה איידער ער טרינקט און עסט, וואָס אין דער ברכה דערמאָנט ער זיך אויף דעם אויבערשטן און דאַנקט אים פאַר דעם עסן און טרינקען;

און אַזוי אויך איידער ער לייגט זיך שלאָפן לייענט ער קריאת שמע וואָס הויבט זיך אָן מיטן פסוק[4] **"שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד"**, אַז דער אויבערשטער איז דער איין און איינציקער מלך אויף דער גאַנצער וועלט.

און די פאַראייניקונג פון "שמים" און "ארץ" דאַרף זיין אין אַלע איינצלהייטן פון לעבן – "**את** השמים **ואת** הארץ" – אַז פון יעדן פרט פון די ענינים פון תורה ומצות ("את השמים") דאַרף מען געפינען אַן אָפּלערנונג ווי צו באַלייכטן און אויפטאָן אין זיין גשמיות'דיקן לעבן ("את הארץ").

(אור לח' דחנוכה תשמ"ה; ז' אלול תש"נ)

**1) בראשית א, א. 2) פרש"י שם, יד. 3) ראה גם תורת חיים בראשית כא, ג. ובכ"מ. 4) ואתחנן ו, ד. – מה"י"ב פסוקים ומאמרי חז"ל". ראה לעיל ע' 273.**

# ושננתם לבניך (א)

די אויפפירונג פון אידן איז אַנדערש פון אַלע אַנדערע פעלקער: בשעת אַ אידיש-קינד דאַרף עפּעס טאָן, קוקט ער ניט ווי ס'פירן זיך די ניט-אידישע קינדער, נאָר ער פרעגט זיך נאָך וואָס שטייט אין תורה, אין שולחן ערוך!

> וועז ער גייט אָדער פאָרט ערגעץ-וואו נעמט ער מיט זיך אַ ספר, צי אַ קונטרס, אין וועלכן ער זאָל קענען לערנען תורה

די זעלבע זאַך בנוגע ווי אויסצונוצן זיין צייט – קוקט ניט אַ אידיש-קינד ווי אַ ניט-אידיש קינד נוצט אויס זיין צייט, נאָר ער פירט זיך אין יעדער זאַך לויט ווי דאָס שטייט אין תורה, אָנהויבנדיק פון אָנפילן די צייט מיט לימוד התורה, "**ושננתם לבניך ודברת בם**", און לערנען תורה "**בשבתך בביתך ובלכתך בדרך ובשכבך ובקומך**"[1].

ווען ער גייט אָדער פאָרט ערגעץ-וואו נעמט ער מיט זיך אַ ספר, צי אַ קונטרס, אין וועלכן ער זאָל קענען לערנען תורה.

און אויך אין דער היים, "בשבתך בביתך", לערנט ער תורה. כאָטש ער איז שוין אַהיים געקומען פון חדר, פון תלמוד תורה, פון ישיבה (אָדער פון בית ספר פאַר מיידלעך). ער ווייסט אַז לימוד התורה דאַרף זיין שטענדיק, אַפילו "בשבתך בביתך".

(י"ב אדר תשמ"ב)

1) ואתחנן ו, ז.

# ושננתם לבניך (ב)

נאָך איידער אידן זיינען אָנגעזאָגט געוואָרן די מצוה "**ודברת בם**"[1], וואָס דאָס איז דער חיוב אַז מ'דאַרף אַרויסזאָגן דברי תורה מיטן מויל – זיינען זיי אָנגעזאָגט געוואָרן די מצוה "**ושננתם לבניך**", צו לערנען תורה מיט די קינדער.

> "ושננתם לבניך" קען אויך זיין דורך דעם וואָס איין קינד לערנט מיט אַ צווייטן קינד אַ זאַך וואָס ער ווייסט שוין און דער צווייטער ווייסט עס נאָך ניט

און ווי רש"י טייטשט אָפּ "**לבניך – אלו התלמידים**"[2] ("לבניך" מיינט תלמידים), וואָס דאָס גייט אויף יעדער קינד צו וועלכן ער קען צוקומען און לערנען מיט אים תורה.

כאָטש דער אָנזאָג "ושננתם לבניך" מיינט בפשטות אַז **עלטערע** דאַרפן לערנען מיט תלמידים – צו מקיים זיין דעם ציווי "ושננתם לבניך" – קען דאָס אָבער אויך זיין דורך דעם וואָס איין קינד לערנט מיט אַ צווייטן קינד אַ זאַך וואָס ער ווייסט שוין און דער צווייטער ווייסט עס נאָך ניט.

און דאָס דאַרף זיין אין אַן אופן פון "**ושננתם**": ניט סתם לערנען, נאָר "**שיהיו מחודדים בפיך**"[3] – אַז דער ענין וואָס ער לערנט זאָל ביי אים זיין שאַרף און קלאָר, און אַז דאָס זאָל ביי אים לייכטן אין אַ קלאָרן אופן אין זיין מחשבה דיבור און מעשה.

(י"א מנחם־אב תשל"ח)

1) ואתחנן ו, ז. 2) ספרי ופרש"י על הפסוק. 3) קידושין ל, א. פרש"י על הפסוק.

# יגעתי ומצאתי תאמין (א)

**א**איד דאַרף זיך שטענדיק באַמיען, ביי אים זאָל זיין "**מעלין בקודש**"[1] (דערהויבן זיך אַלץ העכער און העכער אין אַלע ענינים פון קדושה). ער דאַרף זיך משתדל זיין צו זוכן, **אפשר קען ער געפינען נאָך אַ מצוה וואָס ער קען מוסיף זיין** צו די ספּעציעלע מצוות וועלכע ער בפרט דאַרף מקיים זיין, אָדער צו די געוויינלעכע מצוות וואָס אַלע זיינען מקיים; אפשר קען ער טאָן נאָך בעסער און נאָך מערער אין זאַכן וואָס זיינען פאַרבונדן מיט מצוות.

און אויף דעם האָט מען די הבטחה פון "**יגעתי ומצאתי**"[2]:

> וויפל תורה אַ אידישער קינד לערנט לויט די סדרים פון זיין כתה אין בית ספר – האָט ער אַלעמאָל אַ מעגלעכקייט פאַרנעמען זיך מיט לערנען נאָך אַ פסוק אין תורה

אויב מ'וועט זוכן ווי מ'דאַרף זוכן, מיט אַ **יגיעה** – איז אַ זיכערע זאַך אַז מ'וועט געפינען אַ מעגלעכקייט אויף קענען צוגעבן בפועל נאָכמער צו די מצוות וואָס מ'טוט אויף אַ געוויינלעכן אופן, אַזוי, אַז יעדן טאָג זאָל צוקומען נאָך אַ מצוה.

צום ביישפּיל:

וויפל תורה אַ אידישער קינד לערנט לויט די סדרים פון זיין כתה אין בית ספר – האָט ער אַלעמאָל אַ מעגלעכקייט אַראָפּצונעמען פון דער צייט וואָס ער האָט אין זיין רשות, די צייט וואָס ער קען אויסנוצן ווי ער וויל און פאַרנעמען זיך מיט לערנען נאָך אַ פּסוק אין תורה, נאָך אַ משנה, אָדער אַן אַנדער ענין אין תורה.

און אַזוי אויך אין מצוות: וויפל ברכות אָדער מצוות ער איז מקיים לויט ווי מ'זאָגט אים אָן – קען ער מוסיף זיין נאָך אַ מטבע אויף צדקה, אָדער נאָך אַ מעשה טוב אין אהבת ישראל, אָדער אין ענלעכע מצוות.

און בשעת אַ אידיש-קינד זעט אַז ער האָט "געפונען" און

האָט מצליח געווען צו דערפילן דעם אויבערשטנ׳ס רצון צו לערנען נאָכמער תורה און מקיים זיין נאָכמער מצוות – וועט אים שוין מאָרגן אָנקומען אַסאַך גרינגער בייצוקומען די מלחמה מיטן יצר הרע.

ווען דער יצר הרע קומט אים איינשמועסן אַז ער האָט גענוג געלערנט פאַר היינטיקן טאָג, אָדער געטאָן גענוג מצוות פאַר היינטיקן טאָג – ווערט אַ אידיש-קינד פון אים אינגאַנצן ניט נתפעל, און איז ווידעראַמאָל מוסיף נאָכמער אין לימוד התורה און אין קיום המצוות אין אַ גוטן אופן און אַ הצלחה׳דיקן אופן.

(ו׳ אייר תשמ״ב)

---

1) ברכות כח, א. וש״נ. 2) מגילה ו, ב.

# יגעתי ומצאתי תאמין (ב)

די חז"ל[1] נוצן דאָ דעם לשון "**תאמין**" – זאָלסט גלויבן אַז אויב דו וועסט האָרעווען וועסטו "געפינען" (מצליח זיין).

אַ טיפערער פשט אין דעם:

די תורה "גלויבט" יעדער אידן – אפילו אַ גאָר קליינעם אידישן קינד – אַז ער (אָדער זי) וועט זיכער האָרעווען און מצליח זיין.

וואָרום יעדער איד האָט דעם כח צו וויסן וואָס צו טאָן, און וויאַזוי צו טאָן, און אַראָפּטראָגן דעם כח אין מעשה, וואָס "**המעשה הוא העיקר**"[2].

וואָרום אַלע אידן זיינען "**מאמינים בני מאמינים**"[3], וואָס דאָס איז געזאָגט געוואָרן אויף יעדער אידן און אַלע אידן, אפילו אויף אַ אידן וואָס איז נאָך גאָר קליין אין יאָרן.

> די תורה "גלויבט" יעדער אידן – אפילו אַ גאָר קליינעם אידישן קינד – אַז ער וועט זיכער האָרעווען און מצליח זיין

אַ קליינע מיידעלע שטייט אויף אינדערפרי פון שלאָף און זי הויבט אָן דעם טאָג, איר טאָג, מיט "**מודה אני לפניך מלך חי וקיים שהחזרת בי נשמתי בחמלה רבה אמונתך**"[4] – זי גלויבט און דאַנקט דעם אויבערשטן, און מיט דער אמונה גייט זי דורך דעם גאַנצן טאָג, אַלע אירע אויפפירונגען פון דעם גאַנצן טאָג, סיי אין איר טאָן, סיי אין איר רעדן און אפילו אין איר טראַכטן.

באַ יעדער אידישער מיידעלע איז דאָ די אמונה – און די אמונה ווערט אַריינגעגעבן אין איר טאָג-טעגלעכן לעבן דורך אונזער תורה, וואָס זי איז "**תורת חיים**"[5] און "**חיינו ואורך ימינו**"[6] – דערמיט לעבט יעדער איד און אַלע אידן יעדן טאָג און אַלע טעג, במשך פון אַלע יאָרן.

און דעריבער ווען אַ אידישע מיידעלע באַשליסט אַז זי וועט זיך פירן אין דעם אופן – איז "**תאמין**": מען גלויבט איר אין דעם, אַז עס וועט זיכער זיין דער "**יגעתי – ומצאתי**".

(ו' אלול תשל"ט)

---

1) מגילה ו, ב. 2) ראה אבות פרק א משנה יז. 3) ראה שבת צז, א. 4) ראה שולחן ערוך אדמו"ר הזקן אורח חיים מהדורא קמא סימן א סעיף ה. מהדורא תניינא סימן א סעיף ד. סידור אדמו"ר הזקן קודם "מודה אני". 5) "שים שלום" בסוף תפלת העמידה. וראה זהר חלק ג נג, ב. 6) תפלת ערבית.

# ואהבת לרעך כמוך

אויפן פסוק[1] "ואהבת לרעך כמוך" ברענגט רש"י דעם מאמר פון רבי עקיבא "**זה כלל גדול בתורה**", וואָס דאָס שטרייכט אונטער די גרויסקייט און די וויכטיקייט פון דער מצוה, אַז זי אַנטהאַלט אין זיך די גאַנצע תורה. און ווי הלל הזקן האָט מסביר געווען די מצוה: טו ניט דיין חבר וואָס דו האָסט פיינט מען זאָל טאָן צו דיר און "**זו היא כל התורה כולה ואידך פירושה הוא**"[2], דאָס הייסט, אַז גאַנץ תורה איז אַן אויסטייטשונג און אַן ערקלערונג ווי אַזוי צו ערפילן אָט די כללות'דיקע מצוה פון "ואהבת לרעך כמוך".

**וואָרום די אמת'ע אורזאַך ("סיבה") פאַר אהבת ישראל איז – אחדות ישראל, דאָס וואָס באמת זיינען אַלע אידן איינס**

ווײַלע די מצוות התורה ווערן איינגעטיילט אין צוויי סוגים: מצוות עשה – וואָס מען **דאַרף** טאָן, און מצוות לא תעשה – וואָס מען **טאָר ניט** טאָן. אויף דעם איז באַזירט דער אידישער תורה-לעבן: "סור מרע"[3] – זיין אָפּגעהיט פון אַ לא תעשה, און "עשה טוב"[3] – טאָן די ריכטיקע גוטע זאַכן וואָס די תורה הייסט טאָן. דאָס הייסט אַז די תורה לערנט אונז וואָס מען דאַרף ליב האָבן צו טאָן און וואָס ניט; און אַזוי דאַרפן מיר זיך פירן אין באַצוג צו אונזער פריינט.

כדי צו מקיים זיין די מצוה אין דער פולסטער מאָס דאַרף די אהבה צו אַ צווייטן אידן זיין "כמוך", ווי דער רמב"ם[4] זאָגט: "מצוה על כל אדם לאהוב את כל אחד ואחד מישראל **כגופו** שנאמר ואהבת לרעך **כמוך**".

וואָרום די אמת'ע אורזאַך ("סיבה") פאַר אהבת ישראל איז – **אחדות** ישראל, דאָס וואָס באמת זיינען אַלע אידן איינס.

און דערפאַר איז די מצוה פון אהבת ישראל צו יעדער אידן, אפילו צו אַ אידן וועלכער געפינט זיך אין אַ ווייטער מדינה,

מעבר לים. וואָרום די **נשמות** פון אַלע אידן זיינען פאַראייניגט[5], און די נשמה איז דאָך ניט באַגרענעצט אין אָרט – זי איז העכער פון (זמן און) מקום – ובמילא האָט ניט (זמן און) מקום אויף איר קיין (אמת'ע) ווירקונג.

בשעת די "נשמה" איז דער "עיקר" און דער "גוף" איז אַ "טפל", קען זיין דער ענין פון "ואהבת לרעך כמוך" מיט אַן **אמת**

ובפרט ווען **מ'פאַראייניגט זיך** דורך תורה, וואָס דורך דערויף באַווייזט מען אַז די "נשמה" איז דער "עיקר" און דער "גוף" איז אַ "טפל" – איז מען פאַראייניגט אַלע צוזאַמען (ניט קוקנדיק וואָס מ'איז צעשיידט אין מקום).

און ווי דער אַלטער רבי ערקלערט[6] אַז נאָר בשעת די "נשמה" איז דער "עיקר" און דער "גוף" איז אַ "טפל", קען זיין דער ענין פון "ואהבת לרעך כמוך" מיט אַן **אמת** – וויבאַלד אַז די נשמות פון אַלע אידן (וואָס באַ יעדערן איז די "נשמה" דער "עיקר") זיינען פאַראייניגט דורך דעם אויבערשטן, וואָס ער איז "אב אחד לכולנה".

* * *

**צ**וזאַמען דערמיט דאַרף מען געדענקען, אַז בכדי צו מקיים זיין ריכטיק און פולקאָם די מצוה פון "**ואהבת לרעך כמוך**", איז ניט גענוג אַז מ'האָט דעם ליבשאַפט-געפיל אין האַרצן, אָדער אַז מ'רעדט מיט אַ צווייטן דברי אהבה, גוטע רייד, אָדער אַז מען טראַכט וועגן אים במחשבה, טראָץ דעם וואָס דאָס איז אויך זייער וויכטיק – נאָר עס מוז אויך אַראָפּקומען אין אַ **מעשה בפועל**.

מען דאַרף זיך אַליין מטריח זיין פיזיש, מיט די אייגענע כחות אָדער מיט געלט און ענלעכס, אויף אַרויסהעלפן יעדער אידן אויף וויפל מען קען דורך אַ הילף פון געלט אָדער אויף אַן אַנדער

אופן. און טאָן דאָס מיט שמחה און טוב לבב.

דאָס איז אויך פון די הויפּט מצוות וועלכע פאַרשאַפן דעם אויבערשטן דעם גרעסטן פאַרגעניגן – "**נחת רוח לפני**"[7], ווי דער אַלטער רבי ערקלערט אין תניא[8], אַז צדקה איז "**שקולה כנגד כל המצוות**"[9]; צדקה איז אַזוי וואָגיק ווי אַלע מצוות צוזאַמען.

און וויסנדיק אַז דורך דעם פאַרשאַפט מען דעם אויבערשטן נחת רוח, גיט דאָס צו נאָכמער געשמאַק צו טאָן אין דעם מיט מער זריזות און פרייליכקייט און אין דער פולסטער מאָס.

מען דאַרף זיך אַליין מטריח זיין פיזיש, מיט די אייגענע כחות אָדער מיט געלט און ענלעכס, אויף אַרויסהעלפן יעדער אידן אויף וויפל מען קען

**ווי** פריער דערמאָנט באַשטייען די מצוות התורה, און במילא די פּעולות און אויפפירונגען פון אַ מענטשן, פון צוויי סוגים – "סור מרע" און "עשה טוב". אויסהיטן זיך מיט דער גרעסטער פּאָרזיכטיקייט פון טאָן ניט גוטע זאַכן (סור מרע), און האַלטן אין איין טאָן גוטע זאַכן (עשה טוב).

אַזוי איז אויך אין דער מצוה פון אהבת ישראל – אַז זי דריקט זיך אויס אין צוויי אופנים:

"עשה טוב" – "ואהבת לרעך כמוך", ליב האָבן אַ צווייטן אידן ווי זיך אַליין; און "סור מרע" – זיין שטאַרק אָפּגעהיט ניט פאַרשאַפן אומבאַקוועמלעכקייט אַ צווייטן אידן, ווי הלל האָט געזאָגט[2]: "**דעלך סני לחברך לא תעביד**" – וואָס דו האָסט פיינט – טו ניט צו דיין חבר. מען דאַרף זיך אויסהיטן פון טאָן צו אַ צווייטן אַזוינס, וואָס אויב מ'וואָלט עס געטאָן צו אים וואָלט ער דאָס ניט פאַרטראָגן.

ס'איז ניט גענוג דער אָנזאָג אין אַן אופן פון "עשה טוב" – "ואהבת לרעך כמוך" – נאָר מען דאַרף האָבן אַ ספּעציעלן אָנזאָג אויף דער "שלילה", "**דעלך סני לחברך לא תעביד**".

די נאַטור פון אַ מענטשן איז, אַז אויב ער האָט געטאָן אַ טובה אַ צווייטן ("עשה טוב") – געגעבן צדקה, אָדער אַרויסגעהאָלפן מיט עפּעס אַנדערש, טראַכט ער אַז דאָס גיט אים אַ רעכט ניט רעכענען זיך אַזויפיל מיטן צווייטן, און ניט זיין אַזוי אויסגעהיט אין זיין כבוד. און ווער רעדט נאָך אויב ער האָט יענעם געטאָן אַ טובה מערערע מאָל!

דאַרף מען וויסן, אַז אפילו ווען דער אויבערשטער האָט מזכה געווען אַ אינגעלע און געגעבן אים אַ מעגלעכקייט אַרויסצוהעלפן אַנדערע אינגעלעך (אָדער אַ מיידעלע – אַנדערע מיידעלעך), אין דער גרעסטער מאָס ובשמחה ובטוב לבב – איז ניט געקוקט אויף דערויף דאַרף ער (אָדער זי) זיין גאָר שטאַרק אָפּגעהיט ניט אָנצורירן אַ צווייטן קינד (אָדער אַ צווייטן מענטשן בכלל).

> יעדער קינד דאַרף וויסן אַז מ'דאַרף זיך איינהאַלטן ניט צונעמען עפּעס ביי אַ צווייטן, כאָטש ס'איז אַ געשמאַקע זאַך און עס ווילט זיך דאָס האָבן

יעדער קינד (און בכלל יעדער איד) דאַרף וויסן אַז מ'דאַרף זיך איינהאַלטן ניט צונעמען עפּעס ביי אַ צווייטן, כאָטש ס'איז אַ געשמאַקע זאַך און עס ווילט זיך דאָס האָבן; מ'טאָר אויך ניט משיג גבול זיין אַ צווייטן[10].

צום ביישפּיל:

בשעת ער וויל קויפן אַ צאַצקע ("טאָי") אָדער אַ צוקערקע ("קענדי"), און אַ צווייטער איז געווען דער ערשטער וואָס האָט דאָס געוואָלט קויפן – דאַרף מען זיין אויסגעהיט ניט משיג גבול זיין (ניט אַריינטרעטן אין דעם גרעניץ פון אַ צווייטן, וויבאַלד אַז יענער איז דאָרט געווען דער ערשטער) און זאָגן דעם פאַרקויפער, אַז איך וועל דיר געבן מער מיט אַ "פּעני" דערפאַר גיב דאָס אָפּ צו מיר, און אַזוי ענלעכס.

וואָס דאָס איז אַן ענין פון **"דעלך סני"**: ווען איינער וואָלט דאָס אים געטאָן, וואָלט ער דאָס ניט געקענט ליידן!

ע ס איז פאַרשטאַנדיקער דער חיוב און די נויטיקייט, און עס איז גרינגער צו זיין אויסגעהיט אין דעם כבוד פון אַ צווייטן – בשעת מ'באַטראַכט זיך אַז דער צווייטער איז אויך אַ תלמיד פון רבי עקיבא.

די גמרא[11] זאָגט **"כולהו אליבא דר' עקיבא"**: גאַנץ תורה שבעל פה און די פירושים אויף תורה שבכתב זיינען באַגרינדעט אויף די לימודים (לערנונגען) וואָס רבי עקיבא האָט געלערנט מיט זיינע תלמידים אין זיין צייט, און זיי האָבן עס דערנאָך איבערגעגעבן צו זייערע תלמידים ביז דאָס איז דערגאַנגען צו אונז.

**יעדער איד וואָס לערנט תורה איז אַ תלמיד פון רבי עקיבא, און דאָס לייגט אויף אים אַרויף אַ זכות, אַז ער זאָל זיין נאָכמער זהיר אין אָפּגעבן יענעם כבוד**

קומט אויס, אַז יעדער איד וואָס לערנט תורה איז אַ תלמיד פון רבי עקיבא!

במילא, בשעת מ'קומט אין באַרירונג מיט אַ צווייטן אידן, אַ קינד אָדער אַ דערוואַקסענער מענטש בכלל – דאַרף מען זיך גלייך דערמאָנען אַז דאָס רעדט זיך וועגן אַ **תלמיד פון רבי עקיבא**, און עס קען זיין אַז ער איז אַ גרעסערער תלמיד פון אים!

נאָך עפּעס: זייענדיק אַ תלמיד פון רבי עקיבא, איז יעדער איד אויך אַ חבר פון ר' שמעון בר יוחאי (וויבאַלד אַז ר' שמעון איז געווען אַ תלמיד פון רבי עקיבא)[12]!

און דעריבער, דאָס וואָס ער האָט געהאַט די זכי' אויף אַרויסהעלפן יענעם און מקיים זיין "ואהבת לרעך כמוך" מיט

גוטע רייד אָדער אפילו מיט מעשה בפועל – איז ניט נאָר וואָס דאָס גיט אים ניט קיין רעכט, חס ושלום, ניט פירן זיך בכבוד מיט יענעם, נאָר **פאַרקערט**: דאָס לייגט אויף אים אַרויף אַ זכות, אַז ער זאָל זיין **נאָכמער** זהיר אין אָפּגעבן יענעם כבוד.

און טאָן דאָס מיט דער גרעסטער שמחה, בשמחה גדולה ובטוב לבב.

(ל"ג בעומר תשמ"ג ותשד"מ; י"ז שבט תשמ"ג; ד' אלול תשל"ט)

1) קדושים יט, יח. 2) שבת לא, א. 3) לשון הכתוב - תהלים לד, טו. 4) הלכות דעות פרק ו הלכה ג. 5) ראה תניא פרק לב. ספר המצות להצמח צדק מצות אהבת ישראל (כח, א ואילך). 6) תניא שם. 7) תורת כהנים ופרש"י ויקרא א, ט. 8) פרק לז (מח, ב). 9) בבא בתרא ט, א. ירושלמי פאה פ"א ה"א. 10) ראה שולחן ערוך חושן משפט סימן רלז סעיף א. 11) סנהדרין פו, א. 12) ראה יבמות סב, ב.

# וזה כל האדם

**וזה כל האדם ותכלית בריאתו ובריאת כל העולמות עליונים ותחתונים להיות לו דירה זו בתחתונים**

זע אויבן זייט 22

# ישמח ישראל בעושיו

**ישמח ישראל בעושיו[1], פירוש, שכל מי שהוא מזרע ישראל יש לו לשמוח בשמחת ה׳ אשר שש ושמח בדירתו בתחתונים[2].**

בשעת אַ איד דערמאָנט זיך "בעושיו" – אַז דער אויבערשטער האָט אים געמאַכט און באַשאַפן – דאָס אַליין דאַרף אים ברענגען צו אַ שמחה גדולה.

נאָך גרעסער איז די שמחה בשעת ער באַטראַכט דעם גרויסן זכות וואָס ער האָט, אַז דער אויבערשטער האָט אים אויסגעקליבן צו זיין אין זיין "צבא" און האָט אויף אים אַרויפגעלייגט די הייליקע שליחות צו דורכפירן דעם תכלית פון דער גאַנצער בריאה – "להיות לו דירה זו בתחתונים" – אַז אין יעדן אָרט זאָל זיין קענטיק אַז עס איז אַ "דירה" פאַר ג-טלעכקייט, דורך דעם וואָס מ'איז מקיים תורה און מצוות וואָס דערמיט באַווייזט מען אַז דער אויבערשטער געפינט זיך אין דעם אָרט און פירט אָן מיט אַלץ.

> די גרעסטע שמחה פון אַ אידן איז – ווען ער פרייט זיך מיטן אויבערשטנ׳ס שמחה, וויסנדיק ווי דער אויבערשטער פרייט זיך מיט זיין "דירה" אין דער וועלט, ווערט די שמחה פון דעם אויבערשטן – זיין שמחה

די **גרעסטע** שמחה פון אַ אידן איז – ווען ער פרייט זיך מיטן **אויבערשטנ'ס** שמחה, ער איז שמח "**בשמחת ה׳ אשר שש ושמח בדירתו בתחתונים**": מצד דעם טיפן פאַרבונד פון אַ אידן מיט'ן אויבערשטן, איז וויסנדיק ווי דער אויבערשטער פרייט זיך מיט זיין "דירה" אין דער וועלט, ווערט די שמחה פון דעם אויבערשטן – **זיין** שמחה.

וואָס דאָס איז די פאַראייניקונג פון די צוויי שמחות – "ישמח ישראל בעושיו" און "ישמח ה׳ במעשיו" – אַז ביידע שמחות ווערן איין שמחה[4].

(ל"ג בעומר תשמ"ב; ב׳ דחול המועד סוכות תשמ"ז)

---

1) תהלים קמט, ב. 2) תניא פרק לג (מב, ב). 3) תהלים קד, לא. 4) ראה לקוטי תורה דרושים לשמיני עצרת פד, ג-ד. פח, ד. וראה לקמן כרך ב׳ עמוד 107.

# שונות

## הדפסת חוברת י"ב פסוקים ומאמרי חז"ל

איינער פון די צוועקן פון די "כינוסים" פון "צבאות השם" איז – צו אויסטיילן "פרסים" פאַר די קינדער וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט פון אַלע אַנדערע און האָבן זיך אויפגעפירט אויפן בעסטן אופן.

און ספּעציעל – צו די וואָס האָבן איינגעווירקט אויף אַנדערע קינדער צו אָנשליסן זיך אין "צבאות השם".

**דעריבער וועט מען ספּעציעל איבערדרוקן די ביכעלעך פון די י"ב פסוקים ומאמרי חז"ל – אויף ספּעציעלע פּאַפּיר**

און דעריבער וועט מען ספּעציעל איבערדרוקן די ביכעלעך פון די י"ב פסוקים ומאמרי חז"ל – אויף ספּעציעלע פּאַפּיר – און צום סוף פון די ביכעלעך וועט זיין עטלעכע בלעטלעך וואו מ'קען פאַרצייכענען די נעמען פון די קינדער וועלכע ער האָט צוגעצויגען אַלס וואָלאָנטירער אין דעם אויבערשטנ'ס אַרמיי.

און ביים קומענדיקן כינוס ("פּאַראַד") וועט ער באַווייזן דעם ביכעלע וואו ס'איז אַריינגעשריבן די נעמען פון די קינדער וועלכע ער האָט "מאָביליזירט" אין "צבאות השם", און די וועלכע האָבן זיך אין דעם אויסגעצייכנט, וועלן באַקומען ספּעציעלע פרסים.

(ג' דחול המועד סוכות תשמ"א)

# שינון י"ב פּסוקים ומאמרי חז"ל

די חז"ל[1] זאָגן "אל יפטר אדם מחבירו אלא מתוך דבר הלכה" (אַ מענטש זאָל זיך ניט אָפּשיידן פון זיין חבר נאָר מיט זאָגן אַ "דבר הלכה").

עס איז באַוואוסט די ערקלערונג אין דעם[2], וויילע דער "דבר הלכה" וואָס מען לערנט צוזאַמען איידער מען שיידט זיך פאַנאַנדער פּועל'ט אַז דער פאַנאַנדערשייד זאָל ניט זיין קיין אמת'ער "פּירוד", וויילע אפילו ווען מ'איז פאַנאַנדערגעגאַנגען אין פאַרשידענע ערטער, מוז מען פאַרבלייבן **פאַראייניגט צוזאַמען**.

דער "דבר הלכה" וואָס מען לערנט צוזאַמען איידער מען שיידט זיך פאַנאַנדער פּועל'ט אַז דער פאַנאַנדערשייד זאָל ניט זיין קיין אמת'ער "פּירוד"

און דער כח אויף אויפטאָן אַזאַ "אחדות" איז – "דבר הלכה" דוקא[3]. וויילע "דבר הלכה" (תורה) איז אייביק (התורה היא נצחית[4]), און בייט זיך ניט צוליב די ענדערונגען פון אָרט און צייט.

אדרבה: די תורה-הלכה איז גובר און איז מבטל אַלע שינויים, וויילע זי איז אַ "דבר הלכה" פון דעם אויבערשטן, וואָס ער איז אַ "כל יכול", און דעריבער, בשעת מען לערנט אַ "דבר הלכה" איידער מען גייט זיך פאַנאַנדער, און דערנאָך קומענדיק יעדערער אין זיין אָרט לערנט מען דאָס איבער – פּועל'ט דאָס צווישן זיי "אחדות".

און ווי די תורה פון בעל-שם-טוב[5], אַז דאָרט וואו די "מחשבה" פון אַ מענטשן איז – דאָרט געפינט ער זיך אינגאַנצן. איז בשעתביידע טראַכטן און זיינען זיך מתבונן אין דעם זעלבן "דבר הלכה", "געפינען" זיי זיך דאָך אין דעם זעלבן אָרט.

און דעריבער פירט מען זיך, אַז בשעת אַ כינוס פון "צבאות השם" זאָגן אַלע צוזאַמען די י"ב פּסוקים ומאמרי חז"ל, צוזאַמען מיט אַ באַשלוס אַז פון צייט צו צייט זאָל יעדערער איבער'חזר'ן

די י״ב פסוקים ומאמרי חז״ל – וועט דאָס זיין דער ״דבר הלכה״ וואָס פּועל׳ט אַז מען זאָל שטענדיק בלייבן אין אַ צושטאַנד פון אחדות, אפילו ווען יעדערער קערט זיך אום צו זיין שטוב.

(ב׳ דר״ח אלול תשמ״א)

1) ברכות לא, א. 2) ברכות שם: שמתוך כך זוכרהו. 3) ראה ספר המאמרים תרפ״ט ע׳ 258. 4) תניא רפי״ז.
5) כתר שם טוב סימן נו. הוספות סימן מח. וש״נ.